STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02741

# DER ANARKHIZMUS

Errico Malatesta

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צווייטע אויפלאגע.

ארויסגיגעבען פון א. גאלוב.

דער

# אנארכיזמוס.

פון

ענריקא מאלאטעסטא.

איבערזעצט פון פ. א. פראנק.

אלע בעשטעלונגען צו אדרעסירען:

A. GOLUB, 20 Smith St., Stepney, E. London, E.

„פרייע ארבייטער וועלט" דרוקעריי 20, סמיטה סט., סטעפני, א.

# דער אנארכיזמוס.

דאָס וואָרט „אנארכיזמוס" קומט ארויס פֿון די גריכישע שפּראַך און עס בעדייטעט: אָהן רעגירונג; דאַס הייסט, אַ געזעלשאַפֿט פֿון מענשען, וועלכע לאָזען זיך ניט רעגירען פֿון קיין אויבער האַרר. די אַנאַרכיסטען זיינען מענשען, וועלכע פֿריידיגען, אַז אין דער געזעלשאַפֿט דאַרפֿען ניט זיין קיין רעגירער, זאָנדערן יעדערער זאָל האָבען פֿאָלקאָמענע פֿרייהייט, און זיי גלויבען אַז אַלע מענשען וועלען האָבען גענוג פֿערשטאַנד צו בעהאַנדלען איינער דעם אַנדערן ווי אמת'ע ברידער.

די וואָס פֿאַרשטעהען ניט די אידעע פֿון אַנאַרכיזמוס און די וואַס זיינען אונזערע געגנער, ווייל עס שאַדעט זייערע אינטערעסען, פֿאַרטייטשען דעם וואָרט אַנאַרכיזמוס: אונאָרדנונג, און זיי מיינען אַז די אַנאַרכיסטען ווילען אַלעס צושטערען און פֿערניכטען און מאַכען אַ מיש-מאַש אין דער געזעלשאַפֿט. דער עולם לאָזט זיך אַזוי איינריידען פֿון אונזערע געגנער ווייל זיי דיינקען אַז אַ רעגירונג מוז זיין אין אַ געזעלשאַפֿט, און דאַרום אויב קיין רעגירונג וועט ניט זיין וועט קיין אָרדנונג ניט זיין און איינער דעם אַנדערן וועט דערשיסען אין מיטען גאַס.

עס איז קיין וואונדער ניט וואָס זיי דיינקען אזוי; יעדער מענש ווערט צוגעוואָהנט צו זיין לאַגע, אין וועלכער ער געפֿינט זיך פֿיר א לאַנגע צייט און דיעזע געפֿיהלען און געדאנקען גיט ער איבער בירושה צו זיינע קינדער. אזוי, צום ביישפּיעל, די אמאָליגע וואָס זיינען געבאָרען און ערצויגען געוואָרען אין קנעכטשאַפֿט, וואָס זייערע עלטערן און אורעלטערן זיינען געוועזען שקלאַפֿען, האָבען זיך אויסגעבילדעט אַ מיינונג, אַז אַ געזעלשאַפֿט אָהן שקלאַפֿעריי קען קיין קיום ניט האָבען; אַז פֿרייהייט איז אן אונמעג-

ליבע זאַך. די פראַקטיקע האָט אָבער בעוויזען, אַז פרייהייט איז יא אַ מעגליכע זאַך, און די וואָס האָבען פריהער געפּרעדיגט אַזעלכע אידעען האָבען געהאַט רעכט. אזוי איז אויך היינטיגע צייטען מיט די ארבייטער: זיי האָבען זיך איינגעוואוהנט פון הונדערטער יאָהרען צו עסען ברויט פון אַרבייטגעבער, און זיינען געוואוהנט געוואָרען צו דאַנקען פאַר זייער שטיקעל חיונה דעם בעל הבית, דעם פריץ, וועלכער פערמאָגט קאַפּיטאַל און בעזיצט דאָס לאַנד. דורך די געוואוהנהייט האָט זיך באַ זיי אויסגעבילדעט דער געדאַנק, אַז דער בעל הבית איז דער ברויטגעבער, און זיי שטעלען אייך די פראַגע: טייטש ווי קען אַ מענש לעבען, ווען ער ארבייט נים פיר אַ בעל הביר וועלכער גיט איהם זיין ברויט?

נעהמט אַ מענשען ווי ער ווערט געבאָרען און שנורעוועט איין זיינע הענר און פים מיט שטאַרקע שטריק און לאָזט איהם אַזוי אויפוואַבסען; ער וועט זיך אויסלערנען ווי עס איז אַרום צו קריכען און ער וועט אייך וועלען איינריידען, אַז דערפאַר קען ער כאָטש ווי עס איז אַרום קריכען, ווייל זיינע הענד און פים זיינען איהם געבונדען, און חלילה אַז איהר וועט צושניידען זיינע שטריק וועט ער זיך נים קענען אַ ריהר טאָהן.

אָט אַזאַ ווירקונג האָט די געוואוהנהייט אליין אויפ'ן מענשען, היינט דערמאָנט זיך נאָך די ערציהונג וואָס ער קריגט: דער לעהרער אין קלאַס, דער בעל הבית און ווערקשטאַט און דער רב אָדער גלח אין שוהל, אַלע האָבען איהם געהאַקט אין קאָפּ (זיי האָבען דעריין אַ אינטערעסע) אַז „ברויטגעבער" און רעגירער זיינען זעהר נויטווענדיג. און זאָל ער דאָך פרובירען צווייפלען דעריין, קומט דער ריכטער מיט'ן פאָליסמאַן און קלאַפּען נאָך צו אזוי, אַז אַפילו נים ווילענדיג מוז ער שוין גלויבען. נון, איז נאָך אַ וואונדער, אַז דער געדאנקען פון רעגירונג איז איינגעוואַקסען אין זיינע ביינער? שטעלט זיך פאַר, אַז עס קומט אַ דאָקטאָר און בעוויזט מיט הונדערטע קינסט־ליכע ראיות, אַז אויב מען זאָל יענעם מענשען אָפבינדען די שטריק, מיט וועלכע מען האָט איהם געבונדען די הענד און פים פון געבורט אָן, וועט ער נים נור נים קענען געבען זיך אַ ריהר,—ער וועט אפילו איין טאָג נים קענען איבערלעבען. מיר ווייסען אַז דאָס איז פאַלש, אָבער יענער געבונ־דענער, דאָס הערענדיג, וועט בעשיטצען זיינע שטריק מיט אַלע כחות און וועט האַלטען פאַר זיין שונא יעדען איינעם וועלכער וועט וועלען זיינע שטריק אָפּ בינדען.

גראַדע אַזוי איז מיט היינטיגע מענשען. זייערע קייטען זיינען ביי זיי אַזוי טהייער ווי דער לעבען דאַרום פערדאַמען זיי די אַנאַרכיסטען, וועלכע

זוילען צוברעכען דיזע קייטען פֿון רעגירונג און הערשער.

דען עס איז אַ פֿאַקט, אַז ווען מענשען האָבען געגלויבט (אין אַנדערע לענדער גלויבען זיי נאָך עד היום) דאָס פֿאַר דער געזעלשאַפֿט איז נויטיג אַז איין איינציגער זאָל רעגירען איבער אַלעס, — מאנארכיע, האָבען זיי פֿערשאָלטען דעם וואָרט רעפּובליק, וואָס דאָס בעדייטעט אַ רעגירונג פֿון מעהרערע, און האָבען געשריען, אַזוי ווי זיי שרייען היינט איבער אַנאַרכיזמוס, אַז אונטער אַ רעפּובליק ווערט די געזעלשאַפֿט קיין קיום ניט האָבען. דאָס פֿאָלק אָבער, האָט זיך שוין איבערצייגט, אַז עס איז קיין סכנה ניט אין אַ רעפּובליק, אַזוי אויך ווען ער ווערט זיך איבערצייגען, אַז קיין רעגירונג איז ניט נויטיג, נור אין געגענטהייל, — אַז יעדע רעגירונג איז שעדליך, ווערט דער וואָרט אַנאַרכיזמוס ניט מעהר פֿערשאָלטען ווערען, זאָנדערן עס ווערט האָבען פֿאַר אַלעמען די ריכטיגע בעדייטונג ווי נאַטירליכע אָרדנונג, האַרמאָניע צווישען מענשען, פֿאָלקאָמענע פֿרייהייט, און פֿאָלקאָמענע ברידערליכקייט.

עס איז דאַרום אַ נאַריישקייט וואָס אַנדערע זאָגען אַז מיר אַנאַרכיסטען מיינען טאקי גוט, נור דער נאָמען אַנאַרכיזמוס איז אַ שלעכטער, ווייל די מאַסען פֿאַרשטהען דאָס שלעכט און דיינקען אַז עס בעדייטעט אונאָרדנונג און צושטערונג. דער פֿעהלער ליגט ניט אין וואָרט, נור אין דער זאַך גופא. וואָס פֿיר אַ נאָמען מיר זאָלען אונזער אידעע ניט געבען, ווי באַלד נור מיר מיינען צו פֿערניכטען די רעגירונגען, ווערען די וואָס דיינקען אַז רעגירונגען זיינען נויטווענדיג, אונז אימער פֿערשילטען, ווי וועלט צושטערער און פֿערניכטער פֿון געזעלשאַפֿט.

(נאָך אַ בעווייז, אַז ניט דער נאָמען, נור די אידעע וועלכע האַלט זיך איין אין נאָמען, רופֿט אַרויס דעם פֿעראורטהייל פֿון די אונוויסענדע, איז סאָציאַל דעמאָקרטיזמוס, מיט 15 אָדער 20 יאָהר צוריק, ווען דיזער נאָמען האָט נאָך איינגעהאַלטען אין זיך די אידעע פֿון גרינדליכע ענדערונג אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אַ אמת'ע רעוואָלוציאָן אין מענשליכען לעבען, האָבען די אונוויסענדע און די הערשער געמאַכט דיזעלבע געוואַלטען איבער סאָציאַל דעמאָקראַטיזמוס ווי היינט איבער אַנאַרכיזמוס; אַזוי גיך אָבער ווי די פֿיהרער האָבען אַוועק געוואָרפֿען זייער רעוואָלוציאָנערע אידעע און די סאָצ. דעמאָקראַט. פּאַרטיי איז געוואָרען אַ פּאָליטישע בודעל-פּאַרטיי ווי אַלע איבעריגע פּאַרטייען, זיינען די סאָצ. דעמאָק. געוואָרען „כשר'ע" מענשען און קיינער לאַכט זיי שוין מעהר ניט אויס. יא, אין פֿראַנקרייך זאָגאַר רופֿט זיך יעדער לומפּ און פּאָליטישער מאַכער — סאָציאַליסט! —*)

*) דער איבערזעצער.

און ווען מירריידען געגען דער רעגירונג, מיינען מיר ניט בלויז, אַז איין געוויסער טהייל אָדער אַ געוויסע פֿאָרמע פֿון רעגירונג איז שעדליך, זאָנדערן מיר מיינען פּאָזיטיוו, אַז אַ ל ע טהיילען און אַ ל ע פֿאָרמען זיינען שעדליך: די איינאָרדנונג פֿון מיליטער, דיפּלאָמאַטיע, געזעצמאַכעריי, ריכטער און פֿינאַנץ און אַלע אַנדערע טויזענדער אַמטען און שטעלעס, אין וועלכע דאָס פֿאָלק קען אַפֿילו אין בעסטען פֿאַל קיין איינטהייל ניט נעמען, נור עס מוז געהאָרכען, פֿאָלגען, צאָהלען, רעספּעקטירען און האַלטען דאָס מויל. דיזע אַלע אַמטען זיינען געבויט אויף אויטאָריטעט, הערשאַפֿט און רויבעריי! דאָס פֿאָלק, זאָגען מיר, מוז ווערען פֿריי, דאַרום מוז עס פֿערניכטען אַללערליי הערשאַפֿטען און אויפֿבויען אַ געזעלשאַפֿט פֿון אַנאַרכיע, דאָס הייסט אַ געזעלשאַפֿט אָהן הערשער.

אַנאַרכיזמוס, אַלזאָ, מיינט — אַ געזעלשאַפֿט אָהן רעגירונג; די פֿראַגע איז אָבער: איז עס מעגליך צו פֿערניכטען די רעגירונג? איז דאָס ווינשענסווערטה? איז דאָס קלוג? לאָמיר זעהן!

וואָס איז רעגירונג? — עס איז דאָ אַזאַ קראַנקהייט פֿון מענשליכען געדאַנקען, וואָס מען רופֿט: די נייגונג צו אויסערנאַטירליכעס; דער מענש וואָס ליידעט איף דער קראַנקהייט קען ניט לאָגיש דיינקען און בעטראַכטען אַלע זאַכען, ער קען זיך פֿאָרשטעלען ריכטיג די אייגענשאַפֿטען פֿון אַ זאַך, אָבער עס האַקט זיך איהם גלייך אַריין אין קאָפּ, אַז די אייגענשאַפֿט איז די זאַך זעלבסט און ער דיינקט וועגען איהר ווי וועגען עטוואָס וואָס עקזיסטירט אונאַבהענהיג, אַן אין פֿאַר זיך, זעלבסטשטענדיג. דיזע קראַנקע בעטראַכטען די רעגירונג אָדער דעם שטאַאַט ווי איין אָבגעזאָנדערטע געזעלשאַפֿטס-קראַפֿט, וועלכע עקזיסטירט אונאַבהענגיג פֿון די מענשען וואָס שטעלען צוזאַמען די רעגירונג, און זיי מיינען אַז איהר גאַנצע כונה איז צו בעשיצען און אַבטונג צו געבען אויפֿ'ן עולם ווי אַ רבי אָדער אַ געטרייער פֿאָטער; צו פֿיהרען און ערציהען איהרע קינדערלעך אין די בעסטע וועג פֿון גוטע מדות, יושר און דרך ארץ, ווארום זי, די רעגירונג, איז אַלוויסענד און אַלגיטיג, אַ רחום וחנון גאָר ווי גאָט כביכול...

די הערשער און די אויסבייטער אונטערשטיצען דיזע טהעאָריע ווי וויט זיי קענען ווייל עס איז זייער וויכטיג פֿאַר זיי אַז די אָרימע און בערויבטע זאָלען גלויבען אין פּרינציפּ פֿון אויטאָריטעט און בויגען זייערע קעפּ פֿאַר די הייליגקייט פֿון איבערהערשאַפֿט און געזעצמאַכעריי. דיזע געדאַנקען פֿון רעגירונג איז אָבער ניט ריכטיג; די רעגירונג איז קיין מאָל ניט קיין אנדער זאַך ווי די צוזאַמענגעזעצטע צאָהל פֿון ר ע ג י ר ע ר — קעניגען

פרעזידענטען, מיניסטאָרען, פֿערטרעטער פֿון אַלע סאָרטען — וועלכע האָבען צו מאַכען געזעצע, רעגולירען די פֿערהעלטניסע פֿון איין מענשען צום אַנדערען און צווינגען די לייט צו זיין געהאָרכזאַם. דיזע פּערזאָנען, ניט אַ וועלכע עס איז איבערנאַטירליכע קראַפֿט, זיינען די יעניגע וועלכע לייגען אַרויף און פֿאָדערען די שטייער, צווינגען צו מיליטער דיענסט, אורטהיילען און בעשטראָפֿען די וואָס פֿאָלגען ניט; מישען זיך אַריין אין פּריוואַטע געשעפֿטען, מאָנאָפּאָליזירען די אינדוסטריע, זאָגען אַ דעה אין האַנדעל, קענען געבען פֿריי האַנדעל אָדער צונעהמען, מאַכען מלחמה אָדער שלום מיט די רעגירער פֿון אַנדערע לענדער. און נאָך טויזענדער זאַכען, מיט וועלכע זיי רעגירען ווי זיי ווילען.

קורץ גערעדט: די רעגירונג איז ניט קיין בעזונדערע, עקסטרא געזעלשאַפֿטס-קראַפֿט, זאָנדערן זי בעשטעהט פֿון אַ צאָהל רעגירער, וועלכע נוצען אויס די קרעפֿטען פֿון דער געזעלשאַפֿט, די פֿיזישע, גייסטיגע און עקאָנאָמישע קרעפֿטען פֿון יעדען איינצעלנעם און צווינגען צו טאָהן דאָס, וואָס זיי, די רעגירער פֿערלאַנגען. אָט דיזע מאַכט און ניט קיין אַנדער זאַך, איז נאָך אונזער מיינונג, דער עכטער פּרינציפּ פֿון רעגירונג, דער פּרינציפּ פֿון אויטאָריטעט.

אָבער צו וואָס דאַרף מען איבערהויפּט די רעגירונג? פֿאַר וואָס זאָל מען אַוועק נעהמען אַ מענשענס אייגענע פֿרייהייט, זיין אייגענעם וואונש צוליעב די טובה פֿון אַנדערע? וואַרום זאָל מען זיי געבען די מאַכט צו זיין בעלי בתים איבער אַלעמענס קרעפֿטען און פֿערוואַלטען מיט זיי נאָך זיין אייגענעם וואונש? זיינען דען רעגירער אַזעלכע אויסגעצייכענטע פֿעהיגע לייט, אַז מ'זאָל זיך קענען פערלאָזען אויף זיי צו פערטרעטען אַלעמענס אינטערעסען בעסער, ווי אַלע וואָלטען דאָס געקענט טאָהן פֿאַר זיך זעלבסט? זיינען זיי דען אונפֿעהלבאַר? איז דען גאָר ניט מעגליך זיי זאָלען ווערען קאָרומפּירט, וואָס יעדער איינער פֿערטרויעט זיך אויף זיי און גלויבט אזוי אין זייער אייביגע גוטסקייט און אַלוועלטיגע קלוגשאַפֿט? —

און אַפֿילו אַז עס וואָלטען יא עקזיסטירען אַזעלכע מענשען אונענדליך גוטע און איבענאַטירליך קלוגע; און אַפֿילו מיר זאָלען אָנעהמען, וואָס עס איז נאָך קיין מאָל ניט געשעהן, אַז אָט די קליגסטע און בעסטע קריגען נור אַריין די רעגירונג אין די הענד — קענען זיי דען האָבען אַ בעסערען איינפֿלוס און אַ טהייערערע ווירקונג אַלס ר ע ג י ר ע ר, מעהר אַלס פּריוואַט מענשען אין אַ געזעלשאַפֿט אָהן רעגירונג?

פֿאַרקעהרט, ווערט ניט זייער איינפֿלוס פּאַראַליזירט און פֿערדאָרבען

צוליעב זייער אמת? ווייל אלס רעגירער מוזען זיי זיך בעשעפטיגען מיט פיעל פראגען וועלכע זיי הייבען ניט אן צו פערשטעהן, און דאך פער־בריינגען זיי די גרעסטע טהייל פון זייער ענערגיע צו זארגען פאר זיך אליין — אפ צו צאהלען זייערע פריינד, אונטערצודריקען די אונצופרידענע און דערשטיקען די רעבעלירענדע.

און ווידער, זאלען זיי זיין ווער זיי זיינען, קלוג אדער נאריש, גוט צי שלעכט — ווער זעצט זיי אריין אין זייער אמט? האבען זיי זיך אליין ארויף געזעצט אויף'ן ביינקעל, ווייל זיי האבען איינגענומען די מלחמה, געזיעגט אין קאמפף אדער אויסגעפיהרט א רעוואלוציאן, טא וואס פאר א גאראנטיע האט דאס פאלק, אז די רעגירער וועלען זיך בעזארגען אום זיין טובה? זיי האבען איינגענומען ווייל זיי זיינען געוועזן שטארקער און וועלען אהן בלוט פערגיסונג זייערע שטעלעס ניט אפ טרעטען, האט זיי א געוויסע פארטיי אדער קלאססע אויסגעוועהלט, דאן וועלען זיכער די פארטיי'ס אינטערעסען ווערען געשיצט, אבער די אינטערעסען פון די אנדערע געטראטען מיט די פיס. עקזיסטירט אלגעמיינע שטימרעכט און די מאיאריטעט האט זיי אויס־געוועהלט, דאן הייסט עס זיך פערלאזען אויף די צאהל, אבער די צאהל אליין איז קיין מאל ניט קיין בעוויז, אז די מעהרערע בעזיצען די גערכטיג־קייט, פערשטאנד און פעהיגקייט, פארקעהרט, ווי מיר וויסען איז גראדע די וואס פערשטעהען מעהר צו ווירקען אויף דער מאסע כאפען מעהר שטי־מען און ווערען ערוועהלט, די איבעריגע מעגען זיין מעהר אינטעליגענט און האבען די גאנצע גערעכטיגקייט אויף זייער זייט, ווי באלד זיי קענען ניט ווירקען אויף דער מאסע, מוזען זיי פאלען, ווארום ביי דער מאיארי־טעט קענען נור ויעגען ציפער, לאגיק מיט ארגומענטען האבען דארט קיין ווערטה ניט.

און א חוץ אלעם דעם איז נאך ביז היינטיגען טאג ניט אויסגעקלעהרט געווארען א סיסטעמע פון וועהלען, אין וועלכע מ'זאל קענען זיין זיכער אז די קאנדידאטען פערטרעטען ווירקליך די מאיאריטעט; און ווי מ'קען זאגען פון פראקטיקע איז כמעט אונמעגליך צו פערמיידען די געוועהנליכע שווינדעל און בודלעריי וואס קומען פאר ביי די וואהלען.

און דאך סטארעווען זיך די מענשען צו בעווייזען מיט אלערליי סברות, פלפולים, אז די רעגירונג מוז עקזיסטירען. אין גרונד אבער געהען זיי אלע ארויס פון איין שטאנדפונקט; צי זיי פערשטעהען די זאך אדער ניט, זייער מיין איז אזוי: יעדער מענש האט זיינע אייגענע אינטערעסען אין דער געזעלשאפט און קוקט אויף דעם אנדערן ווי אויף זיין נאטירליכען שונא, דארום מוז

מען האָבען אַן אייסערליכע העבערע מאַכט, וועלכע זאָל קענען צווינגען יעדען צו שעטצען דעם אַנדערענס רעכטע דורך געזעצע און בעשטראָפוּנ־גען; נור דורך דעם, זאָגען זיי, ווערט דער אינערליכער קאַמפּף ווי ווייט מעגליך איינגעלאַדעט (האַרמאָניזירט) צו אַלעמענס גרעסטע צופרידענהייט. ווייל ווען אַזאַ העבערע מאַכט (שטאַאַט) ויעט ניט זיין, טענה'ן זיי ווייטער, טאָ ווער וועט האָבען דאָס רעכט און די מאַכט צו פאַרוועהרען איינעם, ער זאָל ניט פערניכטען אין קאַמפּף דעם אַנדערן? ווער וועט קענען ניט דערלאָזען איין בירגער טאָהן אַ זאַך וועלכע וועט קענען זיין שעדליך פיר דער גאַנצער געמיינדע? די פרייהייט פון איינעם, זאָגען זיי גרייכט נור ביז די פרייהייט פון דעם אַנדערען. ווער, אויב ניט דער שטאַאַט, וועט קענען אָוועקשטעלען דעם גרעניץ, אין ווער וועט בעשטראָפען דעם וועלכער טרעט איבער דעם גרעניין? דער נאַטירליכער געגענזאַטץ פון איינעמס אינטערעסען און ליידענשאַפטען, צו די אינטערעסען און ליידענ־שאַפטען פון דעם אַנדערען מאַכט, די רעגירונג נויטוועגדיג און די אויטאָ־ריטעט גערעכטפערטיג. די אויטאָריטעט איז דער בעסטער פשרה מאַכער, זיי ער דיקטירט, אַזוי מוז געשעהן צום וואהל און בעסטען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

אָט דאָס איז זייער טעאָריע; אויב זי איז ריכטיג מוז זי זיין געגרינדעט אויף פאַקטען און מוז קענען ערקלעהרען די פאַקטען. מיר ווייסען אבער צו גוט ווי אָפט טהעאָריען ווערען פאַבריצירט כדי צו בערעכטיגען געוויסע פאַקטען ד. ה. צו פערטהיידיגען די מאַכטהאָבער און בערוהיגען די אונטערדריקטע, וועלכע פראָטעסטירען געגען זייערע איינגערעדטע בעלי טובית. אלזאָ לאָמיר אַ קוק געבען אויף די פאַקטען ווי זיי זיינען.

אַז מי זאָל דורך בלעטערען די היסטאָריע, פון די עלטסטע צייטען ביז היינטיגען טאָג, וועט מען געפינען, אַז די רעגירונגען זיינען ענטוועדער ברוטאַלע, שטרענגע און קאַפּריזנע, הערשונגען פון איינינע פערזאָנען איבער די גאַנצע מאַסע; אָדער מאַשינען, דורך וועלכע די אויסבייטער און בעשיטצער פון אַלע רייכטהימער שאַפען פיר זיך פרי-וילעגיעס צו קענען האַלטען דעם פאָלק אין שקלאַפעריי און פערשטיקען זייערע פראָטעסטען.

דען דער שטאַאַט אונטערדריקט די מענשען אין צוויי וועגען: דירעקט דורך ברוטאַלע קראַפט און גרוזאַמע אַנגרייפונג, אָדער אונדירעקט, דורך דעם וואָס ער רויבט אַוועק פון זיי די מיטלען צו לעבען און צווינגט זיי צו פערשקלאַפען זיך צום „ברויטגעבער". פון די ערשטע וועג איז אַרויסגע־וואַקסען די פאָליטישע מאַכט, פון די צווייטע — די עקאָנאָמישע פריווילע־

גיען. זאָגאַר די געפֿיהלען האָט דער שטאַאַט פֿערשקלאַפֿט און האָט געשאַפֿען אַ רעליגיעזע אויטאָריטעט, וועלכע פערשפּרייט אבערגלויבען, בעשיצט און פֿעראייניגט די פּריווילעגיען פֿון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע הערשער און מאַכטהאָבער.

אין די אַמאָליגע צייטען, ווען די וועלט איז נאָך ניט געווען אַזוי גערדיכט בעפֿעלקערט, און די מענשענס פֿערבינדונגען זיינען נאָך ניט געווען אזוי איינג פֿערבונדען ווי יעצט; ווען צוליעב פֿערשיעדענע אומשטענדען האָט זיך דער געפֿיהל פֿון סאָלידאַריטעט ניט געקענט ענטוויקלען, און דעם מענשענס גייציגקייט האָט איהם געטריבען צו הערשען איבערן אנדערן — דאַן זיינען די צוויי הערשאַפֿטען, די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע געווען פֿעראייניגט אין די זעלבע הענד, גאַנץ אָפֿט אויך אין די זעלבע פּערזאָן. די וואָס האָבען דורך רויע געוואַלד בעזיגט און בערויבט זייערע מיטמענשען האָבען זיי געצוואונגען צו ווערען זייערע קנעכט און אַרבייטען פֿאַר זיי אַלס שקלאַפֿען. די זיעגער זיינען געווען צוגלייך די אייגענטהימער און די קעניגע, די געזעצגעבער און די ריכטער, די בעלי בתים און די שעריפֿס.

ווי אָבער די בעפֿעלקערונג איז גערדיכטער געוואָרען, די געברויכע האָבען זיך פֿערמעהרט, און די מענשליכע פֿערבינדונגען האָבען זיך שטאַרק ענטוויקעלט, האָט אַזאַ שטאַרקער דעספּאָטיזם מעהר ניט געקענט בעשטעהן. די הערשער האָבען איינגעזעהן, אַז אַליין וועלען זיי די הערשאַפֿט ניט קענען איינהאַלטען און זיינען געווען געצוואונגען צו פֿערלאָזען זיך אויף אַ פּריווילעגירטע קלאַסע. זיי האָבען געשאַפֿען דעם אדעל, וועלכער האָט קאָנטראָלירט די גאַנצע בעפֿעלקערונג און רייכטהימער פֿון לאַנד. זיי, די קעניגע, האָבען עקספּלאָאַטירט אַלעמען און קאָנטראָלירט אויך דעם אדעל. אָט אַזוי האָט די חברה אָנגעקליבען גרויסע פֿערמעגענס און זיינען געוואָרען מעכטיג אויך עקאָנאָמיש. פֿון זיי האָט זיך ענטוויקעלט אַ קלאַססע אייגענטהימער, קאַפּיטאַליסטען, ביסלעכווייז האָבען זיי קאָנצענטרירט אַלע רייכטהימער אין זייערע אייגענע הענד; האָבען גענומען אין בעזיץ אַלע קוועלען פֿון לעבען — די פּראָדוקציאָן פֿון אַגריקולטור (ערד אַרבייט), אינדוסטריע און אויסטויש — און זיינען געוואָרען אַ מאַכט פֿיר זיך אַליין. דיזע עקאָנאָמישע מאַכט האָט זיך געשטעלט אויף דער העכסטער שטופֿע אין די געזעלשאַפֿטס אינטערעסען, העכער אַפֿילו פֿאַר די פּאָליטישע מאַכט, וועלכע זי האָט יעצט אונטערדריקט און געמאַכט פֿון איהר, דאָס הייסט פֿון דער רעגירונג, אַ וועכטער צו היטען איהרע אוצרות, אַ געטרייען הונד, אַ פּאָליסמאַן.

אזעלכע פאקטען זיינען פארגעקומען אין דער געשיכטע זעהר אפט, ווען נור די פהזישע, ברוטאלע מאכט, דורך וועלכע עס איז מיליטערישע אונטערנעהמונג האט געוואונען די אויבערהאנד אין דער געזעלשאפט, האבען די זיגער געזוכט צו פערכאפען די רעגירונג און די רייכטהימער אין זייערע אייגענע הענד. די רעגירונג געפינט אבער אימער אוים, אז זי קען ניט אליין אויפפאסען אויף די פראדוקציאן און הערשען איבער אלעס, דאן פיהלט זי זיך געצוואונגען ארויסצורופען אין לעבען א שטארקע קלאססע — זא ווערט פריוואט אייגענטהום ווידער עטאבלירט. די הערשאפט-מאכט ווערט געשפאלטען אין צוויי טהיילען: איינע וואס קאנטראלירט די געמיינזאמע קראפט פון דער געזעלשאפט, און איינע וואס קאנטראלירט די קוועלען פון דיזער געמיינזאמע געזעלשאפטס-קראפט, די לעבענסמיטלען און רייכטהימער פון לאנד, פון וועלכע דער קלאס רעגירער ווערט אין גאנצען אבהענגיג.

אין היינטיגע צייטען איז די צוטהיילונג נאך שארפער ווי אימער, די זעהר הויך ענטוויקעלטע פראדוקציאן, דער אונגעהויער פערצווייגטער האנדעל, די ערפינדונג פון מאשינעריע, די גרויסע מאכט פון געלד און די אלע עקאנאמישע רעזולטאטען וועלכע זיינען ארויסגעקומען דורך די ענטדעקונג פון אמעריקא, האבען פערזיכערט די קאפיטאליסטישע קלאססע אזא אונגעהייערע קראפט, אז זי וויל שוין מעהר זיך ניט צופרידען שטעלען מיט אונטערשטיצונג פון דער רעגירונג; זי וויל די רעגירונג זאל זיין אין גאנצען צוזאמענגעשטעלט פון מיטגלידער פון איהר אייגענע קלאס, שטענדיג אונטער איהר קאנטראל, און ספעציעל ארגאניזירט צו היטען איהרע אינטערעסען אנטקעגען די ראבע פון די בערויבטע. דערפון נעהמט זיך דער אורשפרונג פון היינטיגען פארלאמענט סיסטעמע, די ניי-מאדנע פערטרעטונגס רעגירונגען. —

אין פיעלע לענדער נעהמט אויך דער פראלעטאריאט א זאגענאנטען איינטהייל אין די רעגירונגס-וואהלען. אבער דאס איז א קאנצעסיאן (הנחה) וואס די בורזשואזיע האט געמאכט דעם פאלק, ערשטענס צו ציהען דערפון נוצען אין זייער קאמפף געגען אדעל, און צווייטענס צו פערבלענדען דעם פראלעטאריער די אויגען, ער זאל מיינען אז ער האט אויך א חלק אין דער פאליטישער מאשינע, וועהרענד אין אמת'ן האט זיך עס ארויסגעצייגט אלס א נארישער חלם, די בורזשואזיע וועט איהם קיין מאל ניט דערלאזען צו קריגען א בעדייטענדע פאליטישע מאכט.

דען אין אלע צייטען און אין אלע לענדער אונטער יעדער געשטאלט,

אין וועלכען נאָמען עס איז, אימער האָט דער שטאַאט איין אויפֿגאַבע צו אונטערד־יקען און עקספּלאָאַטירען די מאַסע און צו שיטצען די אונטערדריקער און עקספּלאָאַטירער. ער צייגט אַרויס זיין כאַראַקטער דורך זיינע נויטוועגדיגע אינסטרומענטען — דער פּאָליציסט און דער שטייערען אַגענט דער סאָלדאַט און די טורמע, דערצו נאָך די בעהעלפֿער, די פּריסטער און די לעהרער (פֿון די שולען און די פּרעסע,) וועלכע זיינען פּראָטעזשירט פֿון דעם שטאַאט צו פֿערקנעכטען דעם פֿאָלקס גייסט און בייגען זיין רוקען אונטערן יאָך פֿון הערשער.

צו דיזער אויפֿגאַבע פֿון אונטערדריקען, עקספּלאָאַטירען, וועלכע איז די הויפּטזאַכע, די עססענציע פֿון דעם שטאַאט'ס טהעטיגקייט, וועלען מיר צוגעבען, אַז ער האָט אויך נאָך בעשעפֿטיגונגען, וועלכע זיינען ביי היינטיגע צייטען געוויסער מאַססען זייער ניצליך און נויטוועגדיג. ער וואָלט אָבער אָהן דיזע ניצליכע טהעטיגקייט ניט געקענט עקזיסטירען. דען די געוואַלדען פֿון פֿאָלק געגען איהם וואָלטען אפֿשר געווען צו גרויס, אויב ער וואָלט זיי ניט פֿאַרבלענדעט די אויגען מיט זיינע זאָגענאַנטע „וואָהלטהאַטס־אנשטאַלטען. אין גרונד אָבער איז ער אַ בעדריקער, אן עקספּלאָאַטירער, וועלכער האַלט דעם פֿאָלק אין שקלאַפֿעריי און אַרמוטה; ער בעשיצט די אויסבייטער און ענטוויקעלט אַ קלאַסס הערשער, וועלכע טוידטען די פֿרייהייט און פֿערשפּאָטען דעם פּראָגרעס דער מענשהייט.

די רעגירונג נעהמט זיך אונטער צו שיצען דעם לעבען פֿון די איינוואָהנער און היינגט די רויבער און מערדער; זי אַנערקענט געוויסע רעכטע און אַלטע פֿיהרונגען וועלכע האָבען זיך איינגעלעבט שוין אין מענשענס כאַראַקטער, און פֿאַרהייליגט זיי אַלס פּראַגראַפֿען אין איהר גרויסע געזעצבוך. זי אָרגאַניזירט געוויסע פֿאָלקס אַרבייט, ווי די פּאָסט, לאַנד־וועגען, שוהלען, ביוראָס פֿון סטאַטיסטיק און פֿאָלקס־געזונדהייט, האָספּיטעלער און אַנדערע וואהלטהאַטס־אַנשטאַלטען. מיט איין וואָרט, אַ קהל'שער בעל טובה, וואָס זאָרגט אימער לטובת הכלל. בעטראַכט אָבער ווי אַזוי און וואַרום זי נעהמט זיך די אַלע אַרבייט, וועט איהר אויסגעפֿינען, אַז איהר יעדער טהאַט איז פֿול מיט'ן גייסט פֿון הערשאַפֿט און אַז דער צוועק פֿון איהר מיהע איז צו בעשיצען, פֿאַרמעהרען און פֿארוויגען פּריווילעגיען פֿון פּריוואַט אייגענטהום און פֿון יענע קלאַסען וועמען זי פֿארטרעט און פֿאַרטהיידיגט.

די רעגירונג וואָלט ניט בעשטאַנען אַ טאָג, ווען זי זאָל זיך ניט אַרויס געבען פֿאַר דעם רעטער דער געזעלשאַפֿט; זי קען ניט שיצען איהרע

פריוויליגירטע, ווען זי זאָל ניט איינריידען דעם עולם אַז זי איז די בעשיצערין פֿון אַלעמען; קיינער וואָלט איהר ניט געפֿאָלגט צו רעספּעקטירען די אינטערעסען פֿון די רייכע, ווען זי זאָל זיי ניט מאַכען דיינקען, אַז זי, די גערעכטע רעגירונג, שעצט און האַלט טהייער אַ ל ע מ ע נ ס רעכטע. „דאָס געזעץ“ (ד. ה. די רעגירונג, וועלכע מאַכט דאָס געזעץ), זאָגט ק ר אָ פּ אָ ט ק י ן, האָט זיך בענוצט מיט דעם מענשענס געזעלשאַפֿטליכע געפֿיהלען, און האָט אויפֿגעבויט אַ שטאַרקען טהורעם פֿאַר די עקספּלואַטאַטאָרס אויף דעם גרונד פֿון געוויסע מאָראַלען, וועלכע די מענשען האַלטען פֿיר הייליג; די בערויבטע אָבער האָבען מורא דעם טהורעם צו פֿערניכטען, ווייל זיי גלויבען אַז מיט איהם וועט אויך פֿערניכטעט ווערען דער מאָראַלער פֿונדאַמענט. —

די רעגירונג פֿיהלט זיך אימער געצוואונגען אַכטונג צו געבען אויף'ן פֿאָלק און צו קאָמאַנדירען איהם: פֿערליערט זי איהם, דאַן איז איהר הערשאַפֿט און איהר רייכטהום פֿערלאָרען; זאָל זי איהם לאָזען זאָרגען פֿיר זיך אַליין, האָט זי מורא ער וועט זיך בערעכענען, אַז ער דאַרף איהר גאָר ניט און וועט אָבשלאָגען כפּרות מיט אַלע רעגירער און אַלע אויסבייטער. זי מישט זיך אַריין היינטיגע צייטען אין די קעמפּפֿע צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט; זי זוכט איינצוהאַלטען די אַרבייטער בעוועגונג, און וויל מיט פֿאַלשע רעפֿאָרמעס פֿערצאַמען דעם אַרבייטערס וועג, ער זאָל ניט קענען געהן צונעהמען דאָס רייכטהום וואָס ער האָט געשאַפֿען.

מיר דאַרפֿען אויך ניט פֿאַרגעסען דעם פּונקט וואָס ערשטענס פֿיהרען די קאַפּיטאַליסטען אַליין צווישען זיך מלחמות און זוכען איינער דעם אַנדערן צו פֿערניכטען; און צווייטענס זוכט די אָפֿיציעלע רעגירער קלאַסע, חאָטש זי איז פֿערדונגען צו דער בורזשואַזיע און איז זייער געשוואָרענער־וועכטער, צו בעפֿרייען זיך פֿון איהר דיענסט און ווערען זייער פֿערטרעטער, איהר דרייען זיך אַהין און אַהער, דאָ צוגעגעבען און דאָ אָבגענומען, דאָ געשפּיעלט זיך מיט'ן פֿאָלק געגען די קלאַסען, און דאָ מיט די קלאַסען געגען די מאַסען—דאָס איז דער גאַנצער סוד פֿון די בעריהמטע רעגירונגס־וויסענשאַפֿט, און דאָס איז איהר צויבער־קונסט, מיט וועלכע זי פֿערבלענדעט די אויגען פֿון די אונוויסענדע און פלעגמאַטיקער, וועלכע זיצען און האָפֿען אויף אַ ישועה פֿון אויבען.

ביי אַלעם דעם אָבער, בייט די רעגירונג קיין מאָהל ניט איבער איהר כאַראַקטער, זי שטעלט זיך אויף צו רעגולירען און קאָמאַנדירען יעדען איינעמס רעכט און פּפֿליכטע, זי טרעט מיט די פֿיס אויף די געפֿיהלען

פֿון גערעכטיגקייט. אַלע אונרעכטען וואָס די אויסבייטער בעגעהען ווערט בערעכטיגט אונד יעדע עהרליכע טהאַט געגען די „וויבער ווערט בעשטראָפֿט. זי ערקלעהרט פֿיר גערעכט און געזעצליך יעדע גרויזאַמקייט, אַלע שטענדיגע און לאַנגזאַמע מאַטעריעלע און מאָראַלע מערדערייען וואָס די רייכע טהוען אָן די אָרימע. ווען זי אָרדענט איין עפֿענטליכע אַנגעלעגענהייטען זיינען די אינטערעסען פֿון די רייכע און די הערשער דער הויפּט פּונקט וואָס זי נעהמט אין אַנבעטראַכט; פֿאַר די אַרבייטער זאָרגט זי נור אַזוי פֿיעל, וויפֿיל עס קען זיי מאַכען צו דולדען די הויכע שטייער וואָס זיי מוזען צאָהלען. פֿאַרטהיילט זי אונטערריכט אין די שולען, איז איהר צוועק צו פֿערדרייען דעם אמת און איינצופֿלאַנצען אין די געדאַנקען פֿון יונגען דור, ענטוועדער אונבייגזאַמע טיראַניי אָדער גערולדיגע קנעכטשאַפֿט, יע נאָך׳ן קלאַסס צו וועלכע די יונגע בעלאַנגען. אין די הענד פֿון דער רעגירונג ווערט יעדען זאַך אַ מיטעל צו עקספּלואַטירען, יעדע זאַך אַ פּאָליציי־קנוטע צו האַלטען דעם פֿאָלק געבויגען אין דרייען.

און געוויס קען עס אַנדערש ניט זיין. אויב אין דער געזעלשאַפֿט מוז אָנגעהן אַ קאַמפּף צווישען מענש און מענש, דאַן מוזען נאַטירליך זיין זיעגער און בעזיגטע. די רעגירונג, וועלכע מאַכט זיכער דעם נצחון פֿאַר די זיעגער, וועט געוויס קיין מאָהל ניט אַריין פֿאַלען אין די הענד פֿון די וואָס האָבען פֿערלאָרען דעם קאַמפּף: די זיגער זיינען אימער די רעגירער; זיי האָבען געקעמפּפֿט איינצונעהמען, אַריינצוכאַפּען פּריווילעגיען און פֿאַר־גרעסערן זייער הערשאַפֿט און זייער קראַפֿט; עס פֿאַרשטעהט זיך דאַפֿאָן, אַז זיי וועלען ניט געברויכען זייער זיעג צו בעשיצען די רעכטע פֿון די בעזיעגטע און בעגרענצען די קראַפֿט פֿון זייער הערשאַפֿט.

די רעגירונג, דער שטאַאַט, אַלס ריכטער, שלום מאַכער פֿון געזעל־שאַפֿטס קאַמפּף, אונפּאַרטייאישער אויפֿזעהער איבער די אינטערעסען פֿון פֿאָלק — איז אַן אונפֿערשעמטער ליגען! עס איז אַ חלום, אַ אוטאָפּיע אַזוי צו דיינקען וועגען שטאַאַט; אַזעלכער איז קיין מאָהל ניט געוועזן און וועט קיין מאָהל ניט קענען זיין.

און באמת; אויב איין מענשענס אינטערעסען מוז אימער זיין געגענ־געזעצט צו דעם אַנדערענס אינטערעסען, אויב דער קאָמפּף אום׳ס דאַ זיין רופֿט אַרויס געזעצע אין דער מענשליכער געזעלשאַפֿט, און די פֿרייהייט פֿון איינעם מוז זיך אָבגרענעצען ביי דעם אַנדער׳נס פֿרייהייט — דאַן וועט געוויס יעדער איינער אימער זוכען צו בעגראָבען דעם אַנדערן און אַליין צו טריאומפֿירען איבער יענעמס אונגליק. יעדער וואָלט געוויס שטרעבען

אַריינצוכאַפּען פֿאַר זיך וואָס מעהר פֿרייהייט און וואָלט אימער פֿערשטאַרקען די אידעע ביי די בערויבטע אַז מען מוז נויטהיג האָבען אַ רעגירונג. נאָך מעהר, די זיעגער אַליין באַשטייען אויף דעם אַז איין רעגירונג איז נויטהיג, וואָרום זיי ווייסען דאָך דעם אמת, אַז דער צוועק פֿון דער רעגירונג איז זיי צו פֿערזיכערן די פֿריכטע פֿון זייער זיעג. זיי ברויכען די רעגירונג אום צו קענען אַמבעסטען אונטערדריקען די בעזיעגטע; זיי ברויכען וועכטער, געטרייע הינד פֿאַר זייערע רייכטהימער, און דאַרום וועלען זיי קיינמאָל ניט לאָזען פֿאַלען די רעגירונג. מיר זאָגען אַלזאָ נאָך אַ מאָהל, אויב אַנדערש קען עס ניט זיין, סיידען די מענשען זאָלען זייער לעבען לאַנג זיך אַרומרייסען ווי די הינד, דאַן וואָלטען זיי געווים זיך צוריסען איינער דעם אַנדערן ווי די וועלף און די מענשהייט וואָלט געווען פֿאָראורטהיילט אויסגעראָטעט צו ווערן פֿון דער אָבערפֿלעכע פֿון דער ערד.

גליקליכער ווייזע האָט די מענשהייט אַ גליקליכערע צוקונפֿט. די נאַטירליכע געזעצע, וואָס רעגירען איהר זיינען ווייבער, זיי זיינען די געזעצע פֿון ס אָ ל י ד אַ ר י ט ע ט.

אין גרונד פֿון מענשענס נאַטור, זיינען פֿערבאָרגען צוויי אינסטינקטען: איין אינסטינקט האָט ער צו זאָרגען פֿיר זיך זעלבסט, וואָרום אַז ניט, וואָלט ער ניט לאַנג געקענט עקזיסטירען; דער אַנדער אינסטינקט איז צו היטען און פֿערזאָרגען דעם קומענדען דור. עס פֿערשטעהט זיך, ווען ער זעהט אַ געפֿאַהר פֿיר זיין אייגענע עקזיסטענץ אָדער פֿיר די עקזיסטענץ פֿון זיינע קינדער טרייבט איהם זיין נאַטור צו קעמפֿען אַנטקעגען דעם כדי זיך צו בעשיצען.

אַלע לעבעדיגע וועזענס געפֿינען אין דער נאַטור צוויי וועגען ווי אַזוי צופֿרידען צו שטעלען זייערע פֿאָדערונגען: איין וועג איז די א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע, ד. ה. יעדערער פֿיר זיך און איינער געגען דעם אַנדערן; די צווייטע וועג איז די מ י ו ט ו ע ל ע אָדער ק אָ אָ פּ ע ר אַ ט י ו ו ע, ד. ה. אַלע צוזאַמען סיי אין קאַמפּף געגען די נאַטירליכע הינדערניסע, סיי אין פֿרידען, צו לעבען און געניסען און זיך ווייטער ענטוויקלען.

אין וועלטליכען קאַמפּף אומ׳ס דאַזיין שפּיעלען דיזע צוויי מעטהאָדען זעהר אַ וויכטיגע ראָלע. און עס מהוט אונז לייד וואָס מיר קענען זיך דאָ ניט פֿאַרברייטערן און בעשרייבען דיזע וויכטיגע ראָלע. מיר מוזען זיך נור בעגניגענען מיט די באַמערקונג, אַז צווישען מענשען איז די קאָאָפּעראַטיווע וועג, זאָגאַר די געצוואונגענע קאָאָפּעראַציאָן, געוואָרען די איינציגע וועג פֿון זיכערהייט, ענטוויקלונג און פּראָגרעס; וועהרענד די אינדיווידועלע

קאָנקורענץ צייגט זיך וואָס ווייטער מעהר אַרויס פֿאַר אונפֿעהיג צו שאַפֿען דעם מענשען אַ גליקליכען רעבען, זאָנדערן אין געגענטהייל, זי ברייננט שאָדען פֿאַר אַלעמען, אי פֿאַר די זיעגער אין קאַמפּף, אי פֿאַר די בעזיעגטע.

די ערפֿאַהרונג פֿון טויזענדע דורות האָט דעם מענשען געלערענט, אַז נור דורך געגענזייטיגע הילפֿע, דורך קאָאָפּעראַציאָן און פֿעראייניגונג מיט זיינע מיטמענשען, קען ער זיך שאַפֿען דעם גרעסטען גליק, און לעבען און פֿערזאָרגען אַלע זיינע נייטיגע פֿאָדערונגען. אַנשטאָט דעם אינדיווידועלען קאַמפּף פֿון איינעם געגען דעם אַנדערן, האָבּען די מענשען ענטוויקעלט אַ אינסטינקט פֿון געזעלשאַפֿטליכקייט, פֿון ס אָ ל י ד אַ ר י ט ע ט, וועלכער האָט געהאַט די גרעסטע ווירקונג אויף זייער לעבען. דיזע פֿעראייניגונג האָט דעם מענשען געהאָלפֿען זיך אַרויס צו אַרבייטען פֿון דעם טהירישען צושטאַנד; דורך קאָאָפּעראַציאָן האָט ער ענטוויקעלט זיין גרויסע קראַפֿט אין דער נאַטור, און האָט זיך אַזוי פֿיעל העכער געשטעלט איבער אַלע אַנדערע לעבעדיגע וועזען, אַז די מעטאַפֿהיזיקער (דיינקער וועגען איבערנאַטירליכעס) האָבען געפֿונען פֿאַר נויטהיג צו צושרייבען דעם מענשען אַ ספּעציעלע שעפֿונג מיט אַ אונשטערבליכע זעעלע.

דער אינסטינקט צו היטען און פֿאַרזאָרגען דעם קומענדען דור איז מיטגעבאָרען אין דער נאַטור פֿון יעדע טהיער, אָבער פֿערשידענע אוזאכען האָבען געווירקט צו ענטוויקלען אין מענשען פֿון דיזען אַלגעמיינעם אינסטינקט אַ ספּעציעלען אינסטינקט פֿון געזעלשאַפֿטליכקייט, וועלכער האָט פֿערפֿלאַנצט אין מענשען דעם עסענץ פֿון זיין מ אָ ר אַ ל ע נאַטור. פֿהיזיש איז דער מענש אַ שוואַכעס טהיער, אָבער אַנשטאָט הערנער און קאַפּיטעס, מלחמה צו האַלטען מיט אַנדע׳ע חיות, האָט איהם די נאַטור געגעבען אַ מאַרך וואָס האָט אַ זעלטענע פֿעהיגקייט זיך צו ענטוויקלען אַ שפּראַך־אָרגאַן, וועלכער קען אויסדריקען יעדען צוג פֿון מאַרך מיט אַנדער קלאַנג, און אַ פּאָר הענד, וועלכע קענען זיך בייגען און דרייען אין אַלע זייטען און קענען שאַפֿען כמעט אַלעס וואָס זיי ווילען. ער האָט געמוזט גאַנץ שנעל דערפֿיהלען ווי נעטהיג און נוצליך עס איז פֿאַר איהם זיך צו פֿעראייניגען מיט זיינע מיטמענשען; וואָרום מען קען ווירקליך זאָגען אַז נור די פֿעראייניגונג האָט איהם געמאַכט צום מענשען, אַ חוץ די שפּראַך קענטנים, וועלכע איז אַ׳ן אורזאַכע און אַ פֿאָלגע פֿון זיין געזעלשאַפֿטליכקייט.

די מענשליכע ראַסע איז געווען קליין אין אָנפֿאַנג און דאַרום אויך צוליעב דעם, האָט דער קאַמפּף אום׳ס דאַזיין צווישען איין מענשען געגע

דעם אַנדערן (ד. ה. די אינדיווידועלע וועג) ניט געקענט זיין אַזוי האַרט, אַזוי נעטהיג און אַזוי דויערהאַפֿטיג ווי צווישען די אַנדערע היות. אין געגענטהייל, וויל זיי זיינען געווען וועהניג אין צאָהל האָבען זיי זיך געהאַלטען נאָהענט איינע נעבען די אַנדערע, האָבען ענטוויקעלט געפֿיהלען פֿון סימפּאַטהי און פֿריינדשאַפֿט צווישען זיך און האָבען אויסגעפֿונען צו שעצען די נוטצבאַרקייט פֿון סאָלידאַריטעט אין קאַמפּף אום'ס דאַזיין (די מיוטועלע אָדער קאָאָפּעראַטיווע וועג). אַ געזעלשאַפֿטליכעם לעבען איז געוואָרען אַ נויטהווענדיגקייט; מיט פֿעראייניגטע קרעפֿטען איז דער מענש געוואָרען פֿעהיג צו בעזיגען די נאַטור אין פֿילע הינזיכטען, און וואָס מעהר ער האָט געקענט צופֿרידען שטעלען זיינע פֿערלאַנגען, דעסטאָ מעהר האָט ער פֿערלאַנגט, און האָט זיך שוין אַזוי צוגעוואָהנט, אַז ער האָט אָהן זיי ניט געקענט מעהר אויסקומען, אַזוי אימער מעהר בעזיגענדיג די נאַטור, האָט ער אין זיין געזעלשאַפֿט איינגעפֿיהרט די צוטהיילונג דער אַרבייט, וועלכע איז מעגליך נור דורך פֿעראייניגונג. איינציגווייז וואָלט ער געמוזט זיך אומקעהרען צוריק צו זיין טהיערישען צושטאַנד.

דער מענשליכער אָרגאַניזמוס קען הייטע שוין מעהר ניט עקזיסטירען אָהן אַ געזעלשאַפֿט; זיינע געפֿיהלען האָבען זיך דורך פֿעראייניגונג אַזוי פֿיעל אויסגעאיידעלט, די געוואוינהייט, וועלכע האָט זיך איבערגעגעבען בירושה פֿון טויזענדער דורות, האָט געמאַכט אויף זיין כאַראַקטער אַזאַ שטאַרקען איינדרוק, אַז עס איז פֿאַר איהם געוואָרען אַן אונמעגליכקייט צו לעבען אָהן אַ שטענדיגען אויסטויש פֿון זיינע געדאַנקען און געפֿיהלען מיט די איבעריגע מיטמענשען. דער שטילער נאַטור-געפֿיהל פֿון פֿעראייניגונג האָט אויסגעאַרבייט אין איהם געפֿיהלען פֿון סימפּאַטהי, פֿריינדשאַפֿט און ליבע, וועלכע צווינגען איהם צו פֿערברייגגען זיין לעבען אין אַ געזעלשאַפֿטליכע וועג, גאָר ניט ריידענדיג פֿון די מאַטריעלע נוצען וואָס די פֿעראייניגונג שטעלט איהם פֿאָר. דיזע גייסטיגע פֿאָדערונגען זיינען אין איהם געוואָרען אַזוי שטאַרק ענטוויקעלט, אַז גאַנץ אָפֿט איז ביי איהם רעכט צו אָפּפֿערן פֿאַר זיי, אַלע זיינע מאַטעריעלע פֿאָדערונגען, אַפילו זיין לעבען זעלבסט.

דער קאַמפּף אום'ס דאַזיין צווישען מענשען האָט געקראָגען אַגאַנץ אַנדער כאַראַקטער פֿון דעם קאַמפּף אום דאַזיין צווישען די נידעריגע טהיערען, צוליב די גרויסע וויכטיגקייט פֿון קאָאָפּעראַציאָן. דורך פֿעראייניגונג קומט דער מענש אין פֿערבינדונג מיט אַ גרויסע צאָהל אַנדערע מענשען און ער לערענט זיך אויס, אַרבייטענדיג צוזאַמען, צו פּראָדוצירען מעהר

וויפיעל ער דאַרף פאַרברויכען; ער מוז אַלזאָ ניט מעהר פערברויכען אַלע זיינע קרעפטען צו שאַפען זיין לעבענס מיטעל; די פאָדערונגען פון זיין עקזיסטענץ, פון זיין דאַזיין ווערן ענטוויקעלט, און צוגלייך מיט דעם, ענדערט זיך אויך דער קאַמפף אום זיין עקזיסטענץ, דער קאַמפף אום דאַזיין.

און אָבוואָהל מיר ווייסען, אַז דער פרינציפ פון קאָאָפעראַציאָן שפילט אַ גרויסע ראָלע אין דער ענטוויקלונג פון דער גאַנצער אָרגאַנישער וועלט, דאָך איז דער קאַמפף אום דאַזיין ביי מענשען פערשידען אויף וויפיעל דער מענש איז, דורך זיין ענטוויקלונג, פערשידען פון די חיות. דיזע נידעריגע טהירע קעמפפען ענטוועדער איינציגוויז, אָדער מעהר, אָפט אין קליינע קאָמפּאַניעס, געגען די גאַנצע נאַטור, און אפילו געגען מיטגלידער פון זייער אייגענע ראַסע. די מעהר געזעלשאַפטליכע טהירע ווי צ. ב.ש. די אַמייזען (מוראַשקעס), בינען א. ז. וו. פעראייניגען זיך צוזאַמען אין איין מוראַשניק אָדער אין אַ בינשטאָק, אָבער זיי פיהרען אַ קאַמפף מיט די מוראַשקעס און בינען פון אַנאַנדער בינשטאָק אַדער מוראַוויעניק. דער מענשליכער קאַמפף מיט דער נאַטור זוכט אין געגענטהייל צו פאַרגרעסערן זיינע פערבינדונגען מיט אַנדערע מענשען, צו פעראייניגען זייערע אַלעמענס אינטערעסען און צו ענטוויקלען געפיהלען פון פריינדשאַפט געגענאיבער אלע אַנדערע מענשען, כדי דורך פעראייניגונג צו ברייגגען אַלגעמיינעס גליק פיר די גאַנצע אַלגעמיינע מענשהייט. יעדע שטרעבונג נאָך אייגענע נוצען געגען די מענשהייט איז דאַגעגען די געזעלשאַפטליכע נאַטור פון היינטיגע מענשען, דען אַזאַ האַנדלונג פיהרט איהם צוריק צו זיין אורשפרינגליכען טהיערישען צושטאַנד, די סאָלידאַריטעט, ד. ה. די האַרמאָני פון אינטערעסען און געפיהלען, ווען יעדערער נעהמט איין אַנטהייל אין די גוטעס פון פרט, איז דער איינציגער צושטאַנד, אין וועלכען דער מענש קען זיין טריי צו זיין אייגענער נאַטור און ערדייכען די העכסטע ענטוויקלונג און די גרעסטע גליקליכקייט. דאָס איז דער צוועק צו וואָס די מענשליכע ענטוויקלונג שטרעבט. דאָס איז דער איינציגער ערהאַבענער פרינציפ וועלכער איז אַליין פעהיג אויסצומיידען די געגענווערטיגע צאַנקערייען אין דער געזעלשאַפט און הערשטעלען אַנשטאָט דעם, עוויגען פרידען און אַלגעמיינע צופרידענהייט. אין סאָלידאַריטעט איז די פרייהייט פון איינעם ניט בעגרענעצט פון דעם אַנדערנס פרייהייט, זאָנדערן אין געגענטהייל, זי ווערט נאָך מעהר פערפאָלקאָמט דורך יענעמס פרייהייט, מעהר אויסגעווייטערט, מעהר אַנגענעהם, מעהר צופרידענשטעלענד, מעהר ווינשענס ווערטה.—

„אַ מענש, זאָגט באקונין, קען ניט פיהלען אַליין זיין מענשליכ

ווירדע, אויב ער אנערקענט ניט די ווירדע פון זיין מיטמענשען; ער קען זיך ניט קלאהר מאכען זיין אייגענע ענטוויקלונג, אויב ער פארשטייט ניט צו זוכען די ענטוויקלונג אין די קאאפעראציאן מיט זיינע מענשען-ברידער. קיין מענש קען זיך אליין ניט עמאנציפירען, סיידען ער זאל אין דער זעלבער צייט אויך עמאנציפירען אלע מענשען וואס ארום איהם. מיין פרייהייט איז אלעמעס פרייהייט, ווארום איך קען ניט זיין ווירקליך פריי — אין געדאנקען און אין טהאט — סיידען מיין פרייהייט און מיין רעכט זייענען בעשטעטיגט און פערפאלקאמט דורך די פרייהייט און רעכטע פון אלע מענשען וועלכע זיינען גלייך צו מיר".

„עס איז מיר זעהר וויכטיג וואס פאר מענשען אלע איבעריגע זיינען, ווארום ווי אונאבהענגיג עס מעג מיר דוכטען אז איך בין, ווייל איך בעווייז גרויסע רייכקייט אדער א הויכען אמט, בין איך דאך אימער א פראדוקט פון יענע גרויסע מאסע; איז די מאסע אונוויסענד, פאראָרעמט און פארקנעכטעט, דאן בעגרענעצט אט די אונוויסענהייט, ארמוטה און קנעכטשאפט מיין אייגענע עקזיסטענץ. זייער דומהייט מאכט מיך אויך דום, איך ווער אליין פערשקלאפט דורך זייער שקלאפעריי, און כאטש איך בין רייך מוז איך ציטערן פאר זייער ארעמקייט, מיט מיינע אלע פריווילעגיען ווער איך בלאס ווי דער טויט פארן געדאנקען טאמער פאדער'ן זיי גערעכטיגקייט. איך, וועלכער וויל זיין פריי, קען ניט זיין פריי, ווייל ארום מיר זיינען דא מענשען וועלכע פערלאנגען נאך ניט קיין פרייהייט, און וויבאלד זיי פערלאנגען עס ניט, שמירען זיי, אלס מיינע געגנער, די קייטען וואס האלטען מיר אין קנעכטשאפט".—

דער איינציגער צושטאנד, אלזא, אין וועלכען א מענש קען ערדייכען די העכסטע שטופע פון זיכערהייט און גליקזעליגקייט איז נור די סאלידאריטעט, דערפאר טרייבט דער עגאאיזמוס יעדען מענשען צו לעבען אין סאלידאריטעט מיט אלע איבעריגע, ווארום די גרעסטע צופרידענהייט פון אייגענעם „איך" ליגט נור אין די צופרידענהייט פון גאנצען כלל. אין פאקט, ווען די אינטערעסען פון יחיד זיינען א ינג מיט די אינטערעסען פון רבים, דאן זיינען עגאאיזמוס און אלטראיזמוס צוויי גלייך בעדייטענדע ווערטער.

דער מענש אבער האט אנגעפאנגען זיין לעבענס געשיכטע פון א ווילדעס טהיער, און ווי אויף איין זייט שנירעלט זיך זיין ענטוויקלונג אויף דער וויגעלע פון סאלידאריטעט, אזוי פון דער אנדער זייט רעגירט מיט איהם דער ברוטאלער טהיערישער אינסטינקט, וועלכער טרעט מיט די פיס,

אויף יעדע שט־עבונג פֿון ברידערליכקייט און איינינגקייט. יא, קאָאָפּעראַציאָן איז ניצליך, נו, זאָגט די ווילדע חיה אין איהם, איך וועל פֿערשקלאַפּען אַנדערע זי׳ זאָלען אַלע צוזאַמען אַרבייטען פֿאַר מיר; איך בין שטאַרקער קען איך צווינגען די שוואַכערע צו ערפֿיהלען מיין ווילען. אָט אַזוי האָט זיך פֿון די טהייערע קאָאָפּעראַציאָן אויסגעלאָזען אַ ביטערע ציבעלע; אַנ־שטאָט וואָס זי האָט געזאָלט פֿיהרען צו אַ סאָלידאַרישע הומאַניטעט, האָט זי געבראַכט אַ הינטישע געזעלשאַפֿט פֿון רעגירונג און פּריוואַט אייגענ־טהום. קאָאָפּעראַציאָן און פֿעראייניגונג דורכאויס, אַז ניט איז אונמעגליך צו לעבען, אָבער וואָס איז די נוץ, אַז נור איינינע האָבען דערפֿון הנאה, די גאַנצע מאַסע איז פֿעראייניגט — ווי די שעפּסען אין איין סטאַדע — זיך צו לאָזען שערען דעם דיקען וואָל פֿון רוקען...

אָט אַזוי געפֿינען מיר די גאַנצע געשיכטע פֿון די מענשליכע ענט־וויקלונג דורכגעוועבט מיט איין גרויסע, טרויעריגען ווידערשפּרוך. אויף איין זייט די טענדענץ (נייגונג) צו פֿע־איינינען זיך, צו פֿערברידערן זיך מיט דעם צוועק צו בעזיגען די נאַטור צום מענשענס געברויך און צופֿרי־דען צושטעלען אַלע מעגליכע פֿאָדערונגען; אויף דער אַנדער זייט אַ טענדענץ זיך אָבצוזאָנדערן, זיך פֿערפֿיינדען, זיך צוטהיילען אין קלאַסען, זיך רייסען און בייסען ווי פּודעל־הינד. דער פּרינציפּ „יעדער איינער פֿיר זיך און אַלע געגען אַלע" האָט אויסגעאיבט אַ גיפֿטיגע געגענווירקונג אויף דעם פּרינציפּ פֿון ברידערליכקייט, און האָט פּאַראַליזירט די טהעטיגקייט פֿון מענשליכען קאַמפּף געגען דער נאַטור, וועלכער קען נור דאַן זיין ער־פֿאָלגרייך, ווען אַלע האַנדלען אין דעם זינן פֿון „אַלע פֿאַר יעדערען און יעדערער פֿאַר אַלעמען".

דיזער גייסט פֿון הערשאַפֿט און ברוטאַלע עקספּלואַטאַציאָן האָט גע־מאַכט זעהר אַ שלעכטען איינדרוק אויף דער מענשהייט. אָבער טראַכטין אַלע העסליכסטע אונטערדריקונג וואָס די מאַסע טראָגט אַריבער; טראַכטין אַלע פּייניגונג, פֿע־ברעכענס, אונזיטליכקייט און פֿאַרקאָמענהייט וואָס אונטערדריקונג און קנעכטשאַפֿט וואַרצלען איין, סיי אין די קנעכט, סיי אין זייערע הערשער; טראַכטין דעם האַס און די בלוטיגע מלחמות, די קנאה און שנאה פֿון איינעם צום אַנדערן — טראַכטין אַלעס דעם איז דער געזעלשאַפֿט־ליבער געפֿיהל דאָך געבליעבען לעבען און האָט זיך זאָגאַר ענטוויקעלט! קאָאָפּעראַציאָן, דער איינציגער מיטעל ווי צו קענען בעזיגען די נאַטור, האָט אימער געצווינגען די מענשען צוזאַמען צו ברייננגען אין איינעם, און האָט ניט געקענט פֿערמיידען צו לאָזען ענטוויקלען זייערע סימפּאַטישע

געפיהלען. די אונטערדריקונג פון די מאַסען האָט מיטגעבראַכט די זעלבע אונטערדריקטע זאָלען זיך פאַרברידערען צווישען זיך. וואַרום אין אמת'ן, אַ ניט דער ברודערגעפיהל, אַז ניט די סאָלידאַריטעט וואָס בעוואוסט אָדער אונבעוואוסט, איז געווען פאַרנאַנדער געשפרייט צווישען די אונטערדריקטע וואָלט אונמעגליך געווען זיך צו ערקלערען ווי אַזוי די מענשען האָבע געקענט אַריבערטראָגען אַזוי פיעל צרות, ווי אַזוי זיי האָבען איבערהויפט געקענט אַזוי פיעל דולדען, ליידען און שמאַכטען און דאָך בלייבען לעבען.—

ביי היינטיגע צייטען, די זעלטענע ענטוויקלונג דער פראָדוקציאָן, די זעהר ענטוויקעלטע מענשליכע געברויכע, וועלכע קענען ניט צופריעדען געשטעלט ווערען סיידען דורך די פעראייניגטע קרעפטען פון אַ גרויסע צאָהל מענשען אין אַלע לענדער, די פערצווייגטע אייזענבאַהנען, טעלעגראַפען און שיפ־פאָהרט, קאָמערציע, וויסענשאַפט, ליטעראַטור — דאָס אַלעס האָבען צוזאַמענגעבראַכט און ברייננען צוזאַמען נאָך היינט די גאַנצע מענשהייט אין איין פערבונדענע קערפערשאַפט, אין וועלכע אַלע טהיילען זיינען אַזוי איינג פאַרקנוטט איינע מיט די אַנדערע, אַז איין טהייל קען ניט זיין צופריעדען און פריי, סיידען זיין צופרידענהייט און פרייהייט געפינט אַן אָבקלאַנג אין די צופרידענהייט און פרייהייט פון אַלע טהיילען וועלכע שטעלען צוזאַמען די גאַנצע מענשהייט.

דער איינוואָהנער פון ניו יארק האָט היינטיגען טאָג גראַדע אַזוי פיעל אינטערעסע אין דעם היגיענישען צושטאַנד פון די פעלקער וואָס וואָהנען אויף די ברעגעס פון טייך גאַנגעס, פון וואַנען כאָלעריע קומט אַרויס, ווי אין דעם היגיענישען צושטאַנד פון זיין אייגענע שטאָדט. דאָס וואָהל זיין, די פרייהייט דער גליק פון דעם מאַן וואָס פערברייגט זיין לעבען אויף די שפיצען פון די אפענינען בערג פון איטאַליע, הייגגט ניט אָפ נור פון די נאַכבאָרען פון זיין דאָרף אָדער אַפילו פון גאַנצען איטאַליענער פאָלק, זאָנדערן גראַדע אַזוי פיעל איז ער אבהעננגיג פון דעם צושטאַנד פון די ארבייטער אין אַמעריקא, פון אויסטראַליע, פון אַ געוויסע ענדעקונג פון אַ שוועדישען געלעהרענטען, פון די מאָראַלע און מאַטעריעלע לאַגע פון די כינעזער, פון דעם פאַל פון אַ מלחמה אָדער שלום מיט אַפריקא א. ז. וו. — קורץ, ער איז אבהעננגיג פון דעם קלענסטען ווי דעם גרעסטען צופאַל וואָס קען נור פאַרקומען אין דער מענשהייט פון דער גאַנצער וועלט.

דער שנור פון סאָלידאַריטעט וואָס פאַרבינדעט היינט די מענשען קומט פאָר מעהרסטענטהיילס אונבעוואוסטערהייט, די מענשען קימערן זיך דאָרט גאָר ניט אום די אַנדערע, אָבער ווייל זייערע אינטערעסען קלאַפען זיך

אימער אָפּ איינע אן די אַנדערע, ווערט אַ געפֿיהל פֿון איינשטימונג געשאַפֿען אַזוי ווי פֿון זיך אַליין צווישען זיי. און דאָס גופֿא איז אייגענטליך דער בעסטער בעוויז, אַז די סאָלידאַריטעט איז דער נאַטירליכער געזעץ פֿון מענשענס לעבען. דען טראָטץ אַלע שטערונגען עקזיסטירט ער דאָך, און ווי די קינסטליכע געזעלשאַפֿטס אָרדנונג זאָל זיך ניט בעמיהען מיט אַללערליי געזעצע און טעאָריעס צו דערשטיקען זיין גייסט און איהם לייגען אין דר׳ערד, שפּראָצט ער דאָך אימער אַרויס ווידער פֿריש אין טויזענדערליי נייע וועגען.

די אונטערדריקטע מאַסען, וועלכע האָבען זייערע קעפּ ניט פֿאַרלאָרען אונטער אַלע טרויעריגע אומשטענדען, און צייגען היינט נאָך מעהר ווי אימער זייער הייסע ליעבשאַפֿט צו פֿרייהייט און גערעכטיגקייט, הויבען אָן צו פֿאַרשטעהן, אַז זיי קענען ניט זיך אַליין עמאַנסיפּירען אָהן איין אַלגעמיינע פֿעראייניגונג דורך סאָלידאַרישע געפֿיהלען מיט די אונטערדריקטע און בערויבטע פֿון דער גאַנצער וועלט. זיי פֿאַרשטעהן אויך אַז עס איז־אונמעגליך זיך צו עמאַנסיפּירען זאָ לאַנג זיי וועלען ניט בעזיצען אַלע מיטלען דער פּראָדוקציאָן, די ערד און אַלע אינסטרומענטען דער אַרבייט.—

יעצט בעטראַכט: ווען אין איין שיינעם טאָג זאָלען די אונטערדריקטע מאַסען אויפֿהערען צו אַרבייטען פֿאַר זייערע אונטערדריקער: זאָלען נעהמען בעזיץ פֿון די ערד מיט אַלע אַרבייטס אינסטרומענטען און אָנפֿאַנגען צו אַרבייטען פֿאַר זיך, צום אייגענעם נוטץ און געברויך, און זיך ניט אונטערגעבען אונטער קיין געוועלטיגער, קיין באָס, קיין פּריווילעגירטען פֿוילענצער; זאָל דער גייסט פֿון מענשליכע ברידערליכקייט און דער געפֿיהל פֿון מענשליכע סאָלידאַריטעט אָנפֿאַנגען צו וואַקסען צווישען פֿאָלק און מאַכען איין ענדע פֿון אַלע קריגערייען צווישען די נאַציאָנען — נו, דאַן, אויף וואָס פֿאַר אַ גרונד וואָלט אַ רעגירונג געקענט עקזיסטירען?

פֿיליכט מיינט איהר אַז אָהן דעם צוואַנג פֿון דער רעגירונג וועט ניט געבען קיין מענשליכעס צוזאַמענלעבען, קיין קאָאָפּעראַציאָן? דומהייט! עס וועט ניט געבען קיין געצוואונגענע קאָאָפּעראַציאָן צו נוטצען פֿון איינִיגע פֿוילענצער, דערפֿאַר אָבער וועלען מיר האָבען אַ פֿרייע, נאַטירליכע קאָאָפּעראַציאָן צו נוטצען פֿון אַלגעמיין. דער געזעלשאַפֿטליכער אינסטינקט און דער געפֿיהל פֿון סאָלידאַריטעט וועט זיך ענטוויקלען ביז דער העכסטער שטופֿע, און יעדער איינציגער וועט טאָהן אַלעס מעגליכעס צום וואָהלזיין פֿון אַנדערע, אַזוי גוט ווי פֿאַר זיך, דען דעריין וועט ער געפֿינען די העכסטע צופֿרידענשטעלונג פֿון זיינע אייגענע אינטערעסען און

יינע סימפאטישע געפיהלען.

אויפ'ן גרונד פון פרייע פעראייניגונג וועט אויסוואקסען א געזעלשאפטליכע ארגאניזאציאן, וועלכע וועט פון זיך אליין איינטהיילען זיך אין גרופען פון פרייע מיטגלידער, נאך זייער געברויכע און נייגונגען, פון די נידעריגסטע ביז די העכסטע, פון די איינפאכסטע ביז די העכסט קאמפליצירטע, פון די נעהענסטע ביז די וויטעסטע אלגעמיינע אינטערעסען. דער צוועק פון די ארגאניזאציאן וועט זיין די גרעסטע גוטסקייט און די העכסטע פרייהייט פאר אלעמען. אזא ארגאניזאציאן וועט פעראייניגען די גאנצע מענשהייט אין איין גרויסע ברודערשאפט, און וועט פאלגען נור די רעגולירונגען, וואס די פראקטיקע און ערפאהרונג וועט איהר לערנען.

אזא געזעלשאפט פון פרייע מענשען, אזא געזעלשאפט פון פריינד וועט זיין די אנארכיסטישע געזעלשאפט.

---

מיר האבען בעטראכט ביז אהער די רעגירונג, ווי זי איז און ווי זי מוז נויטווענדיגער ווייזע זיין, אין א געזעלשאפט וואס איז געבויט אויף פריווילעגיען, עקספלואטאציאן און אונטערדריקונג פון איין מענשען איבער דעם אנדערן, געגענגיזעצטע אינטערעסען און געזעלשאפטליכער קאמפף — קורץ, אויף פריוואט אייגענטהום. מיר האבען געזעהן, ווי דיזער צושטאנד פון עווינגען קאמפף שאדעט די אינטערעסען, אי פון דעם איינציגען, אי פון דער גאנצער געזעלשאפט; דאגעגען, קאאפעראציאן און סאלידאריטעט אין אלעמענס אינטערעסען איז דער געזעץ פון מענשליכען פראגרעס. מיר זיינען אלזא געקומען צום שלוס, אז אבשאפענדיג פריוואט אייגענטהום און די הערשאפט פון איין מענשען איבער דעם אנדערן, וועט ניט איבערבלייבען קיין איינציגער גרונד ווארום די רעגירונג זאל בלייבען עקזיסטירען — דארום מוז מען זי פערניכטען.

מ'קען אונז אבער ענטפערען: גוט איהר ווילט ענדערן דעם פרינציפ אויף וועלכען די היינטיגע געזעלשאפט איז געבויט, איהר ווילט אויפשטעלען די סאלידאריטעט אנשטאט דעם קאנקורענץ-קאמפף, איינפיהרען געזעלשאפטס אייגענטהום אנשטאט פריוואט אייגענטהום, פאר וואס זאלט איהר די רעגירונג פערניכטען אנשטאט זי אויך צו ענדערען? אין היינטיגע געזעלשאפט איז די רעגירונג די בעשיצערין און די פארטרעטערקע פון איין קלאס, ווען עס וועט ניט זיין קיין אונטערשיעד פון קלאסען, וועט די רעגירונג בעשיצען און פארטרעטען די גאנצע געזעלשאפט. איהר אויפגאבע וועט זיין צו רעגולירען און זיכערן די אלגעמיינע געזעלשאפטליכע קא-

אפעראציאן, צו ערפיהלען די קהל'שע פונקציאנען צו אלעמענס נוצען גלייך. די רעגירונג וועט ניט דערלאזען ווידער איינצופיהרען פריווילעגיען, און זי וועט באשיצען דאס לעבען, וואהלזיין און די פרייהייט פון אלעמען.

אין דער געזעלשאפט זאגען זיי, קומט פאר זעהר וויכטיגע ענינים, וועלכע פאדערן בעשטענדיגע אויפפאסונג, רעגולירונג און לייטונג, וואס אז מ'זאל עס לאזען די איינצעלנע מיטגלידער אין די הענד וועט עס זיין ווי דער שותפות'ער טעפיל וואס בלייבט שטענדיג ניט ווארים און ניט קאלט. אז ניט א רעגירונג, פרעגען זיי, ווער וועט ארגאניזירען די פארטהיילונג פון פראדוקטען, פון עססענווארגען? ווער וועט רעגולירען אלץ וואס געהערט וועגען עפענטליכע היגיענע, די פאסט טעלעגראף אייזענבאהן א. ז. וו.? ווער וועט אנפיהרען די פאלקס שוהלען? ווער וועט אונטערנעהמען פערשיעדענע נאטור פארשונגען, וויסענשאפט-עקספערימענטען און דאסגלייכען, פון וועלכע אונזער גאנצע ציוויליזאציאן הייננט אפ? ווער וועט זארגען און אכטונג געבען אז אונזער קאפיטאל זאל זיך פארגרעסערען? ווער וועט אויפפאסען מ'זאל ניט אויסהאקען אלע וועלדער, פארדארבען די פארקס אדער אויסמאגערען די ערד? ווער וועט זארגען צו פערמיידען און אויסראטען אללערליי פארברעכען, אללערליי אנטיסאציאלע האנדלונגען? וואס יועט מען טאהן אהן א רעגירונג, מיט די וואס ווילען ניט ארבייטען? אדער מיט די וואס ווילען ניט פאלגען די היגיענישע געזעצע דער וויסענשאפט און ווילען פארשפרייטען אנשטעקענדע קראנקהייטען? אדער מיט יענע קריינקס און פערריקטע, וועלכע קענען אונטערצינדען די הייזער, הרג'נען קליינע קינדער אין גאס אדער בעליידיגען פרויען? —

קורץ, זאגען זיי, אויב מ'וועט אבשאפען פריוואט אייגענטהום און פערניכטען די רעגירונג, אנשטאט איהר איבערצובויען און צופאסען אנ'אנדערע וואס זאל ארגאניזירען דאס געזעלשאפטס לעבען און בעשיצען די סאלידאריטעט, וועט די געזעלשאפט גלייך געהן צו גרונד, ווארום עס וועט אין ערגעץ ניט זיין קיין ארדנונג, קיין איינינונג. די מענשהייט וועט אויף אזא אופן זיך אומקעהרען צוריק צום בארבאריזמוס, יעדערער וועט הערשען פיר זיך, כל הישר בעיניו יעשה, און דער סוף וועט זיין, אז דער שטארקער וועט האבען אלעס און דער שוואכער וועט ווייטער בלייבען א אונטערדריקטער, א קנעכט.

אט דאס זיינען די טענות פון אלע יענע לייט וואס גלויבען אין אויטאריטעט, פון דעם גרעבסטען שפיזבירגער ביז דעם „וויסענשאפטליכען" סאציאל דעמאקראט. מיר ווילען זיי ניט בלייבען שולדיג אין דעם ענטפער:

ערשטענס איז גאָר ניט אמת, אַז מ'קען ענדערן די נאַטור פֿון דער רעגירונג ד. ה. איהרע פונקציאָנען, אָהנע צו דער זעלבער צייט איהר אין גאַנצען צו פֿערניכטען. יעדער ארגאַן האָט זיין פונקציאָן, פּרובירט ניט לאָזען דעם אָרגאַן אויסאיבען זיין פונקציאָן, וועט ער ענטוועדער אָבשטאַרבען, אָדער זיין פונקציאָן וועט אָבלעבען. שטעלט אַוועק אַ מחנה סאָלדאַטען בערייט צום קריעג אין אַ לאַנד וואָס האָט קיין אורזאַכע צו פֿיהרען קריעג, ענטוועדער די אַרמעע וועט אַרויסרופֿען אַ קריעג, אָדער זי וועט זיך מוזען פֿאַרנאַנדער געהן. די פּאָליציי — וואו עס זיינען ניטאָ קיין פֿערברעכער, ניטאָ וועמען צו אַרעטירען, וועט ענטוועדער אַליין שאַפֿען פֿערברעכען און אויפֿרייצען צו אונאָרדנונג כדי זי זאָל האָבען וועמען צו אַרעטירען, אָדער זי וועט זיך מוזען אויפֿלויזען.

פונקט ווי מיט די וועלף אין פֿראַנקרייך: זייט הונדערט יאָהרען עקזיסטירט אין פֿראַנקרייך אַן עקסטרא דעפּאַרטאַמענט אין די אַדמיניסטראַציאָן פֿון וועלדער, פֿיר דעם צוועק אויסצוראָטען די וועלף, זאָל עס צו קיין וואונדער ניט זיין, אַז וואָס לענגער דיזער דעפּאַרטאַמענט עקזיסטירט, דעסטאָ מעהר וועלף געפֿינען זיך אין די וועלדער! דאָס פֿאָלק קימערט זיך אום די וועלף ניט, וואָרום עס זיינען דאָך דאַ בעאַמטע וואָס מוזען אויף דעם אויפֿפּאַסען, און די בעאַמטע פּאַסען טאַקע זעהר גוט אויף די וועלף זאָלען זיך מעהרען און מעהרען. כדי חו"ש די שטעלע ניט צו פֿערלירען...

איהר נעהמט אַ געוויסע צאָהל פּערזאָנען און שיקט זיי מאַכען געזעצע, איהר גיט זיי די מאַכט אויסצונוצען אַלע קרעפֿטען דער געזעלשאַפֿט צו צווינגען יעדען איינעם די געמאַכטע געזעצע צו פֿאָלגען — מאַכט איהר דען ניט אַליין פֿון דיזע לייטע אַן עקסטרא קלאַסע, אַ פּריוויליגירטע קלאַסע וועלכע ווערט אָבגעזונדערט פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט? אַזאַ קלאַסע געזעצמאַכערס וועט אינסטינקטיוו זוכען צו פֿאַרברייטען איהר מאַכט, וועט זיך שטעלען העכער פֿאַרן פֿאָלק כדי מען זאָל איהר ניט קענען קאָנטראָלירען, וועט זיך אָבצאַמען פֿון פֿאָלק כדי מען זאָל איהר ניט קענען אַזוי לייכט אויפֿלייזען, און ווי זי דערפֿיהלט נור איהר פּריוויליגירטע פּאָזיציע, אַזוי גלייך קריגט זי פֿיינד די מאַסע און טהוט וואָס זי וויל.

פֿאַרגעסט אויך ניט, די בעסטע רעגירונג מיט די עדעלסטע אַבזיכטען קען קיין מאָהל ניט צופֿרידען שטעלען אַלעמען. פֿאָלגליך מוז זי אימער זוכען זיך צו בעשיצען אַנטקעגען די אונצופֿרידענע, און שליסליך פֿערבינדעט זי זיך מיט דעם צופֿרידענעם טהייל פֿון דער געמיינדע כדי צוזאַמען

צו בעקעמפּפֿען די אונצופֿרידענע, עס וואַקסט אויס אַ כאָרט ברודערשאַפֿט צווישען די חברה, אַ מעכטיגע פּאַרטהיי; און ווען עס געלינגט זיי, דאַן ווערען זיי אַ פּריוויליגירטע קלאַסע אין פֿולען זינן, ניט אַ האָר בעסער ווי אונזער היינטיגע רעגירער באַנדע.

די רעגירער הייבען זיך אָן מיט דער צייט צו בעטראַכטען ווי אַ כאָרט „אתה בחרתני'קעס" און דיינקען אַז עס פּאַסט פֿאַר זיי ניט צו מישען זיך מיט'ן פּראָסטען פֿאלק. זייערע ערטער ווערן זיי עפּעס ווי איינגעבאַקען אין די ביינער זאָ דאָס ווען זיי זעהן, אַז אַליין ווילען זיי מעהר ניט קענען געוועהלט ווערן, ווענדען זיי אָן אַלע קרעפֿטען האָטש זייערע פֿריינד צו אויסהעלפֿען אריינצוזעצען אין אַמט. די פּאָליטישע פֿריינדשאַפֿט וואַקסט מיט דער צייט אויס אַלס אַ אָרגאַניזירטע באַנדע. אַ קליקע, אַ מאַשינע, אַ באָסענטהום, וועלכע טהיילט זיך מיט די עפֿענטליכע אַמטען, ווי אַ טאַטע מיט דער „המוציא": די גרעסטע שטיק, דעם וואָס פֿאָלגט בעסער א. ז. וו. דערפֿון קומט אַרויס אַז די רעגירונג פֿערבלייבט פּ־אַקטיש, אימער אין די זעלבע הענד, און אַנשטאָט דעמאָקראַטהיי, וועלכעס מיינט אַ רעגירונג פֿון גאַנצען פֿאָלק, בילדעט זיך אויס אַ שטאַרקע אָליגאַרכיע, ד. ה. אַ רעגירונג פֿון עטליכע, אַ קלאַס רעגירונג אַ פּאַרטהיי רעגירונג.

אַזאַ אָליגאַרכיע, אַלמעכטיג, הערשעריש, וואָס פֿאַרשלינגט אַלעס, וואָס פֿערכאַפּט אלעס, אַז זי זאָל קריגען די ממשלה צו רעגולירען אַ געזעלדשאַפֿט, צו פֿערוואַלטען מיט'ן גאַנצען געזעלשאַפֿטליכען קאַפּיטאַל, צו דיקטירען די גאַנצע פּראָדוקציאָן, צו זאָגען אַ דעה אויף די קאָנסומציאָן, קאָנטראָלירען די בילדונג, די וויסענשאַפֿט, די קונסט, דאָס גאַנצע לעבען פֿון פֿאָלק—אַז איהר ווילט אָנטרויען מיט דאָס אַלעס, טו אַם ווענינגסטען, רעדט זיך ניט איין צו לעבען אין אַ פֿרייע געזעלשאַפֿט!

אָבער, לאָמיר זיך אפֿילו פֿאָרשטעלען, אַז די איינגעוועהלטע רעגירונג איז מיט דער צייט ניט געוואָרען קיין פּריוויליגירטע קלאַסע, אַז זי האָט זיך ניט אומגעוואַנדעלט אין אַ אָליגאַרכיע, אַ פּאָליטישע באַנדע אָדער דערגלייכען, לאָמיר אָננעהמען, אַז די אויסגעוועהלטע רעגירונג קען בלייבען אימער אן אמת'ער פֿאַרטרעטער, אַ געטרייער קנעכט צו דינען דעם גאַנצען פֿאָלק, צו וואָס דאַרף מען אָבער איהר האָבען גאָר אין גאַנצען? וואָס פֿאַר אַ נוטצען וועט זי ברייננען? אין וועלכען פֿאַל, אויף וועלכען אופֿן וועט זי פֿאַרגרעסערען, פֿאַרמעהרען די קראַפֿט, די אינטיליגענץ, דעם גייסט פֿון סאָלידאַריטעט, די נאַטירליכע טהיילנאַמע און וואָהלזיין פֿון

פאָלק, וואָס עקזיסטירט צו יעדער צייט און אונטער אַלע אומשטענדע אין די טיעף פאַרבאָרגענע געפיהלען פון יעדען איינצעלנעם אין יעדער געזעל-שאַפט?

דאָ האָט איהר אייך ווידער אַמאָהל די אַלטע געשיכטע פון יענעם געבונדענעם, וואָס האָט ווי עס איז אָבגעלעבט זיינע יאָהרען אַ קאַליקע, וועלכער האָט זיך איינגערעדט, אַז נור די קוליעס האָט ער צו פערדאַנקען זיין לעבען, וואָרום אָהן זיי וואָלט ער אפשר אַ מאָל ניט געקענט עקזיס-טירען. מיר האָבען זיך איינגעוואָהנט צו לעבען אונטער אַ רעגירונג, וועלכע נוצט אויס אונזער גאַנצע ענערגיע, אונזער אינטעליגענץ, אונזער ווילען צו איהרע אייגענע צוועקען, און פאַרהינדערט, פאַראַליזירט און טויט'עט יעדע קראַפט וועלכע קען איהר שאַדען; הרגל נעשה טבע: יעצט דיינקען מיר אַז אַלעס וואָס אין דער געזעלשאַפט האָט זיך אויפגעטהאָן איז דאָס נור די רעגירונג צו פערדאַנקען! קען אָבער די רעגירונג עפּעס אהאָר צולייגען פון זיך אַליין צו אַלע מאָראַלע און מאַטריעלע קרעפטען, וועלכע עקזיס-טירען אין דער געזעלשאַפט אָהן איהר און טראָטץ איהר? גראַדע ווי די רעגירונג וואָלט געווען גלייך צום „גאָט פון אונזערע עלטערן" דעם קונצען מאַכער פון אונזער חומש'ל, אויף וועלכען גלויבער (בגימטריא: עזלען) זאָגען, אַז ער האָט בעשאַפען אַ וועלט פון גאָרנישט!

אַזוי ווי אָבער אין די זאָגענאַנטע מאַטעריעלע וועלט, אַזוי אויך אין די מעהר קאָמפּליצירטע וועלט, אין די געזעלשאַפטליכע וועלט, ווערט פון גאָרנישט קיין זאַך ניט בעשאַפען, און פאָלגליך קענען די רעגירער קאָמאַנ-דירען נור די קרעפטען וואָס זיינען שוין דאָ, קיין נייע קרעפטען קענען זיי קיין מאָהל ניט מאַכען, אַדרבה, זיי פאַרדאַרבען נאָך אַ כך פון דאָס וואָס זיי געפינען, די רעגירערשע מעטהאָדען, איידער זיי דערקריכען און דערשלעפּען זיך דורך זייערע מאָנקי־ביזנעס און אַלערליי שוואַרציאָהריגע פאַרמאַליטעטען, פאַראַליזירען און פאַרניכטען אַ מאַסע טהייערע קרעפטען. (זעהר אַ גוטער בייספּיל איז צו געפינען אין די שלעפּענעם וועגען די ווי-דערריפונג פון „שערמאַן ביל" אין אונזער „געבענשטען" סענאַט, וואָס האָט זיך אָקאָרשט יעצט אָבגעשפּילט. — דער איבערזעצער). און וואו זיינען די קרעפטען וואָס ווערען פאַרניכטעט אין די שטרייטיגקייטען מיט די רעבעלירענדע עלעמענטען, וועלכע אזא אונגעהייער קינסטליכער מעכאַני-זמוס מוז נויטווענדיגער ווייזע אַרויסרופען?!

ווען אַ רעגירער טהוט עפּעס אַ מאָהל אויף אַ נייעס, טהוט ער דאָס אויף אַלס מענש. אַלס געזעלשאַפטס מיטגליד, ניט אַלס רעגירער. די

איבערגעשפּיצטע מעטאַפֿיזיקער האָבען אַזוי. פֿיל פֿאַרדרייט די וואַהרהייט,
אַז ווען אונזער איינער בעהויפּטעט, אַז די איינציגע קוועלע פֿון אַלע טהעט־
טיגקייטען, פֿון גאַנצען מענשליכען פּראָגרעס, איז דער איינצעלנער, די
איניציאַטיווע פֿון יעדער מיטגליעד, פֿאַרשרייט מען אונז אַלס פֿערריקטע,
אַלס קרומע קעפּ. עס איז אָבער דאָך אַן אָפֿענע וואַרהייט, וועלכע מוז
יעדען אויפֿלייכטען אין די אויגען, ווען ער הערט נור גוט אויס ווי מיר
ערקלעהרען די פֿאַקטען, וואָס דער געדאַנקען פֿון פערזעהנליכע איניציאַטיווע
האַלט אין זיך איין.

דער מענש, דער איינצעלנער מענש (אינדיווידואום), איז דער אַלעס;
די געזעלשאַפֿט, אָדער דער שטאַאַט וואָס רעדט אייך איין אַז ער פֿאַר־
טרעט די געזעלשאַפֿט, איז ניט קיין נייער, עקסטראַ וועזען. עס איז ניט
מעהר ווי אַ כפל, אַ מיליאָנען פֿערדאָפּעלונג פֿון דעם איינצעלנעם, פֿון
דעם אינדיווידואום; געדאַנקען, אידעען, טהאַטען שפּרינגען אַרויס פֿון יעדען
איינצעלנעמס קאָפּ; עס איז ניטאָ קיין געזעלשאַפֿטס־קאָפּ, עס איז ניטאָ
קיין שטאַאַטס־קאָפּ, עס זיינען דאָ נור איינצעלנע קעפּ. אַ געזעלשאַפֿט
געדאַנקען הייסט אַ געדאַנקען וואָס געפֿינט זיך איין און קומט אַרויס פֿון
יעדען איינצעלנעמס קאָפּ. אַ געזעלשאַפֿטליכע טהאַט מיינט ניט אַ
טהאַט וואָס אַן עקסטראַ וועזען האָט געטהון; עס מיינט ניט אַ טהאַט
וואָס די געזעלשאַפֿט האָט געטהון אָהן די איינצעלנע, אָדער צוזאַמען מיט
די איינצעלנע. אָהן איינצעלנע איז ניטאָ קיין געזעלשאַפֿט, מיט איינצעלנע
בלייבט אויך ניט מעהר ווי די איינצעלנע. איהר דאָפּעלט אַן איינס, טוי־
זענד מאָל, ווערט עס אַ טויזענד, איז דער טויזענד דען עפּעס אַנאַנדער
זאַך אַ חוץ די טויזענד איינצעלנע? אַ געזעלשאַפֿטליכע טהאַט מיינט, ניט
מעהר און ניט וועהניגער, ווי דער סך הכל פֿון די איניציאַטיווען, געדאַנ־
קען און טהאַטען פֿון אַלע איינצעלנע וואָס שטעלען צוזאַמען די געזעל־
שאַפֿט; רעדט איהר פֿון אַ רעגירונג און זאָגט אַ רעגירונגס־טהאַט, מיינט
איהר אַלץ ניט אַ טהאַט פֿון אַ בעזונדערע חיה וואָס הייסט רעגירונג, איהר
מיינט נור דאַן, אַ טהאַט פֿון יענע אינדיווידואומען, וועלכע שטעלען צו־
זאַמען, אדער האָבען אַן איינפֿלוס אויף די רעגירונג.

דער קאַמפּף וואָס גייט אָן אין דער געזעלשאַפֿט שוין פֿון הונדערטער
יאָהרען צווישען די מאַסען און די קלאַסען, צווישען פֿרייהייט און אויטאָ־
ריטעט איז ניט אַ קאַמפּף וועגען די פֿערהעלטניסע צווישען די געזעלשאַפֿט
און דעם איינצעלנעם, וואָס דער איינצעלנער וויל בעקעמפֿען די געזעלשאַפֿטן
אדער די געזעלשאַפֿט דעם איינצעלנעם. דער אַבזיכט פֿון קאַמפּף איז דאַגעגע

אימער געווען ניט צו דערלאזען איין מענשען צו בעדריקען אלע אנדערע מענשען צו געבען יעדען איינעם די זעלבע רעכטע און די זעלבע מיטלען ווי דעם אנדערן, דער רעכטער עסענץ פון אלע פרייהייטס שטרעבונגען איז אוועק צו שטעלען אין דער געזעלשאפט דעם פרינציפ פון אלעמעס אינציאטיווע, כדי עס זאל זיין פון אלעמעס טובה ווענען, אנשטאט די אינציאטיווע פון די רעגירער אליין, וועלכע איז אימער צו זייערע אייגענע נוצען.

די אידעע פון סאלידאריטעט קלאפט ארויס דעם סאמע דעק פון די גרויסע פאס, פול מיט דיספוטען צווישען איין מחנה „פילאזאפען", וואס קאכען זיך אזוי שטארק פאר דער „געזעלשאפט", אדער פאר איהר פערטרעטער, דער שטאאט, און זאגען אז דער איינצעלנער האט קיין בעגריעף ניט, אז ער מוז זיך אפפערען פאר דער געזעלשאפט; און צווישען די אנדער מחנה „פילאזאפען", וואס נעהמען זיך אן דעם איינצעלנעמס קריוודע, און שרייען: ניין! מיר איינצעלנע, וועלען מלחמה האלטען מיט דער געזעלשאפט, מיר וועלען פראטעסטירען, רעבעלירען, רעוואלטירען געגען די גרויס האלטערקע, די דעספאטקע, די געזעלשאפט! — פוסטע ווינט-מלחמות, דער „טויזענד" וואס צושלאגט די „איינס'ן" האט ניט פון וואס צו זיין א טויזענד. דער מיטעל פונקט איז א געזעלשאפט פון גאנצע, פאלקאם זעלבסטשטענדיגע מענשען מיט פרייע איניציאטיוועס, וואו יעדער איינער פיהלט א פערזענליכע אינטערעסע אין דאס וואהל זיין פון דעם אנדערן, ווייל זיין גליק איז אלעמענס גליק און אלעמענס גליק איז זיין גליק — סאלידאריטעט.

קורץ גערעדט: אפילו די בעסטע רעגירונג, אפילו דער אידעאל-שטאאט וואס דער העכסט אוטאפיסטישער, עהרליכסטער און איידעלסטער סאציאל דעמאקראט קען זיך נור פארשטעלען, וועט אויך בשום אופן ניט קענען פארגרעסערען אויף איין האר די פראדוקטיווע קראפט פון דער געזעלשאפט, און דארום איז א רעגירונג נוצלאז. פארקערט, דער שטאאט וועט נאך פארדארבען פיעל פראדוקטיווע קרעפטען ווארום אין זיין כאראקטער ליעגט אימער צו פערניכטען די פערזענליכע איניציאטיווע פון די איינצעלנע און דארום איז ער זעהר שעדליך.

מען דארף זיך נאך קריגען איבער דעם! וואס בלייבט אייך איבער פון די גאנצע רעגירונג-ביזנעס ווען איהר נעהמט נור פון איהר אוועק די געזעץ-מאבעריי און אלע איבעריגע פאטשקערייען, וועלכע האבען נור דעם איינציגען ציעל צו שאפען און בעשיצען די אינטערעסען פון א קלאססע פריוויליגירטע בלוטזויגערס? ווערמען פארהייליגט איהר? עטליכע איינצעלנע

רעגיערער? ! דער געלעהרטער ס י ז מ אָ נ ד י, האָט ריכטיג געזאָגט: „דער שטאַאַט איז אַ קאָנסערוואַטיווע מאַכט וועלכע בעפאָלמעכטיגט, רעגולירט און אָרגאַניזירט די פריכטע פון פראָגרעס (און די וו״ל געשיכטע איז אַן עדות, אז ער טהוט עס אימער אין זיינע אייגענע אינטערעסען און אין די אינטערעסען פון דער פריווילעגירטער קלאַסס), אָבער ער העלפט קיין מאָל ניט דיזע פריכטע צייטיג צו מאַכען. נייע אידעען, גליקליכע ערפינדונגען שפרינגען אימער אַרויס פון אונטען, פון געזעלשאַפטס פונדאַמענט; ווען מען שטערט זיי ניט, וואַקסען זיי און ענטוויקלען זיך, דורך די רעגירונג. אָבער טרעפען זיי אימער אויף זייער וועג אַללערליי דערנער און מוזען קעמפפען געגען די מאַכט פון טראַדיציאָנען, אַלטע מנהגים, פריווילעגיען און טעות׳ן.

אָבער כדי נאָך בעסער צו פערשטעהן ווי די געזעלשאַפט קען אויס־קומען אָהן אַ רעגירונג, לאָמיר אַ ווײַלע בעטראַכטען די לעבעדיגע פאַקטען וואָס שפּילען זיך אָפּ פאַר אונזערע אייגען טאָג טעגליך. מיר זעהען, אַז אפילו אין היינטיגער געזעלשאַפט ווערען די העכסט וויכטיגע סאָציאַלע פונקציאָנען אויסגעפיהרט אָהן דער רעגירונג; אין געגענטהייל, וואו זי מישט זיך יא אַריין, מאַכט זי נור אָן צרות, עקספּלואַטירט די מאַסען, בעשיצט די פריווילעגירטע, אָדער אין בעסטען פאַל, טהוט זי אַ טובה און לייגט צו איהר חתימה צו אַזעלכע געזעלשאַפטליכע זאַכען, וואָס זיינען שוין געטאָהן געוואָרען אָהן איהר און אָפט אויך טראָץ איהר. מענשען אַרבייטען, האַנדלען, שטודירען, רייזען אַרום, פאַסען זייערע מיינונגען איבער מאָראַל, איבער היגיענע, פראָפּעטירען דורך דעם פראָגרעס פון וויסענשאַפט און קונסט, קוקען איף זייערע אייגענע אינטערעסען און פער־איינען זייערע געגענזייטיגע אינטערעסען, און בעטען קיינמאָל ניט, און ערוואַרטען ניט די רעגירונג זאָל זיך אַריינמישען און זיי פאַרנאַנדער זאָגען וואָס און ווי זיי האָבען צו טאָהן. פאַרקערט, וואו די רעגירונג שטעקט אַריין איהר נאָז דאָרט איז אַ צרה, וואו זי לאָזט געהן אין וואָהל און גוט; וואַרום יעדערער טהוט זיין זאַך נאָך זיין געדאַנק: קען ער איינשטי־מען מיט די איבעריגע, איז גוט, אויב ניט, גייט ער אַליין.

די וועלט קומט אויס אָהן דער רעגירונג אפילו אין די גרעסטע און וויכטיגסטע אונטערנעהמונגען, אין די נויטיגסטע עפענטליכע אַרבייט, אין וועלכע אַ מאַסע מענשען מוזען אנטהייל נעהמען אונטער פערשיעדענע אומשטענדען. טויזענדער אַזעלכע אונטערנעהמונגען ווערען היינטיגען טאָג אויסגעפיהרט פון פריווילעגע פריוואַט־געזעלשאַפטען; און אַלע ווייסען, אַז

פריוואט-געזעלשאפטען האבען דעם בעסטען ערפאלג. מיר מיינען ניט די קאפיטאליסטישע געזעלשאפטען וועלכע ארגאניזירען זיך אויף עקספלואטאציאן, אבוואהל זיי בעזיצען אויך גוטע פעהיגקייטען זיך צו פעראייניגען אויף א פרייען פונדאמענט און קענען פעריכטען אללערליי זאכען גאר אהן א סוף. מיר ריידען דא הויפטזעכליך פון אזעלכע פריוואט-געזעלשאפטען, וועלכע זיינען בעגייסטערט פון מענשען ליעבע, פון ליעבע צו דער וויסענשאפט, אדער אפילו די וואס טהוען גוטעס כדי צו קריגען כבוד אדער תענוגים; אזעלכע געזעלשאפטען שטעלען פאר אם בעסטען די ארט און ווייזע ווי מענשען וועלען זיך פאראייניגען אין א פרייע געזעלשאפט, וואו אלע וועלען האבען גלייכע אינטערעסען און יעדערער וועט פיהלען די גרעסטע אינטערעסע צו האנדלען מענשליך און פריינדליך מיט דעם צווייטען. וויסענשאפטליכע געזעלשאפטען אינטערנאציאנאלע פעראיינען צו רעטען דערטרונקענע, די ראטהער קרייץ געזעלשאפטס, אונטערשטיצונג פעראיינען, קראנקען-קאסעס, פריעדענס געזעלשאפטען, פרייוויליגע פייער-לייט קאמפאניעס א. ז. וו., א. ז. וו. די אלע און נאך טויזענדער אזעלכע זיינען אלע ביישפילען פון די מאכט פון א פרייע פעראייניגונגס גייסט, וועלכער דארף ניט די רעגירונג, קוקט ניט אויף דער רעגירונג, עקזיסטירט און ענטוויקעלט זיך צו אלע צייטען טראטץ דער רעגירונג.

די פאסט און טעלעגראף צום ביישפיעל בעלאנגט צו דער רעגירונג, אויף וועלכע כפרות דארפען זיי איהר? וואס טהוט אויף די רעגירונג דערביי, וואס אהן איהר וואלט מען דען ניט געקענט טאהן? ווען דאס פאלק פאדערט און קען ציהען נוצען פון א געוויסע אונטערנעהמונג, וועט עס שוין וויסען ווי דאס צו אונטערנעהמען און ארגאניזירען און יעדער איינער וואס וויים ווי א האנד צו צוליעגען צו דער ארבייט וועט ניט ווארטען אויף א סערטיפיקאט פון א רעגירונג אדער צענטראל קאמיטע; וואס מעהר מענשען עס פאדערען א געוויסע זאך און וואס נויטיגער די געפאדערטע זאך איז, אלס מעהר מענשען וועלען זיך געפינען צו שאפען די זאך. וועט דאס פאלק זיין אימשטאנדע אהן א קאמאנדירער זיך צו בעזארגען מיט עסענווארגען? האט נור קיין מורא ניט! זיי וועלען ניט שטארבען פון הונגער ווארטענדיג אויף א אפיצער וואס וועט זיי לייענען א זאקאן איבער דעם; ווארום אין אלגעמיין, ווער בעזארגט דאס פאלק היינט מיט עסענווארג? די רעגירונג ווארט אימער ביז דאס פאלק ארגאניזירט יעדע זאך, דערנאך קומט זי און מאכט געזעצע און עקספלואטירט די בעסטע טהייל פאר איהרע איגענע צוועקען.

עס איז אַ פֿאַקט, אַז דער שטאַ־קער מאָטיוו פֿון אַלע האַנדלונגען איז די פערזענליכע אינטערעסע, ד. ה. קיין קראַפֿט טרייבט ניט אַזוי דעם מענשען וואָס עס איז אויפֿצוטאָהן, ווי די קראַפֿט פֿון זיין אייגענע אינטערעסע וואָס ער האָט דערביי. נוּן, קען מען זיך לייכט פֿאָרשטעלען, אַז ווען יעדערער וועט זיך פֿיהלען פערזענליך אינטערעסירט אין דאָס וואָהלזיין פֿון אַלעמען, ווייל אַלע וועלען זיין אינטערעסירט אין זיין פערזענליכען וואָהלזיין, וועט ער געוויס זיין טהעטיג און געטריי צו ערפֿילען זיין מענשליכע פפליכט. היינט איז קיין וואונדער ניט וואָס עס איז דאָ פֿוילע, וואָרום אַרבייטען זיי דען פֿיר זיך? האָבען זיי עפּעס אַ חלק אין די לעבענס גענוסען וואָס זייערע אַרבייט שאַפֿט פֿיר זייערע בעלי בתים? און דאָך זעהט מען ווי די מעהרסטע טהייל פֿון זיי גיבען אַוועק לייב און לעבען פֿיר זייערע אַרבייטגעבער, האָבען מעהר איינזעהענעס מאַנכעס מאָל מיט זייערע הערן׳ס פֿערד, ווי מיט זייערע אייגענע ווייב און קינד; היינט ווי וועט עס זיין, אַז זייער נאַטירליכע קראַפֿט וועט זיי טרייבען צו טאָהן גוטעס פֿיר זיך און פֿיר די גאַנצע מענשהייט? האָט עס אַ זינן צו באַהויפּטען, אַז מענשען וועלען זיך ניט בעזאָרגען מיט דאָס וואָס זיי האָבען נויטיג צום לעבען, ווייל עס וועט ניט זיין אַ קאָמאַנדיר, וואָס זאָל זיי פֿאַרנאַנדער זאָגען ווי און וואָס צו שאַפֿען? אַזאַ בעהויפּטונג איז איינפֿאַך לעכערליך.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אין יעדער גרויסע אונטערנעהמונג מוז אונבעדינגט פֿאָרקומען אַ געוויסע צוטהיילונג דער אַרבייט; מען מוז אויך געוועהנליך האָבען אַ טעכנישען דירעקטאָר, אַ הויפּט מאַשיניסט און זאָ ווייטער. דאָס אַלעס האָט אָבער ניט צו טאָהן מיט די רעגירעריי, מיט מאַכטהאָבער, בעפֿעלגעבער אָדער צענטראַל קאָמאַנדעס און דאָסגלייכען. לאָזען זיך די שטאַאַט-סאָציאַליסטען נור ניט שפּיעלען מיט ווערטער: אָרגאַניזאַציאָן דער אַרבייט האָט גאָר ניט צו טאָהן מיט אָרגאַניזאַציאָן פֿון אַ שטאַאַט אָדער אַ צענטראַל רעגירונג. אַ רעגירונג, נאָך אַמאָל געזאָגט, איז אַ חברה פערזאָנען, וועלכע האָבען גענומען, אָדער מ׳האָט זיי געגעבען דאָס רעכט און די מיטלען צו מאַכען געזעצע און צווינגען דאָס פֿאָלק די געזעצע צו געהאָרכען; אַ הויפּט מעכאַניק אָדער אפֿילו אַ דזענעראַל מענעדזער איז אַ פערזאָן וואָס האָט אויף זיך גענומען די פֿעראַנטוואָרטליכקייט צו טאָהן אַ געוויסע אַרבייט און ער טהוט דאָס; רעגירונג, מיינט די איבערגעבונג פֿון ק ר אַ פֿ ט, דאָס מיינט, אַז די מאַסע ענטזאָגט זיך פֿון איהר אינציאַטיווע און נעמט איהר מאַכט און גיט עס איבער אין

די הענד פֿון איינינע; אַרבייטס־מענעדזעריי, בעדייטעט די איבערגעבונג פֿון אַ ר ב י י ט, דאָס הייסט די מאַסע גיט איבער איינינע מענשען די פֿער־אנטוואָרטליכקייט אַזוי און אַזוי צו טאָהן אין אַזאַ און אַזאַ א ו י ס ד ר י ק־ל י כ ע אונטערנעהמונג. (קראָפּאָטקין אין די „פֿערטרעטונגס רעגירונגען" דריקט עס נאָך דייטליכער אויס אַזוי: ווען אַ געמיינדע צ. ב. ש. שיקט איהרען אַ דעלעגאַט צו אַ קאָנגרעס, לאָמיר זאָגען, פֿון עה־ערע געמיינדען; און דורך אַלגעמיינע איינשטימונג בעאויפֿטראגט זי איהם איבערצוגעבען איהר מיינונג איבער אַ געוויסען אויסדריקליכען פונקט, טראָגט דער דע־לעגאַט דאַן קיינעספֿאַלס דעם כאַראַקטער פֿון אַ רעגירונגס פֿערטרעטער. ווען אָבער די געמיינדע ערוועהלט אַ דעלעגאַט צום קאָנגרעס און גיט איהם איבער די מאַכט צו האַנדלען אין אַ ל ע פונקטען וואָס קען נור פֿאָרקומען ווי ער אַליין וועט פֿאַרשטעהן, וואָס פֿאַר איהר איז אם בעסטען, דאַן איז ער אַ פֿאָלקאָמער רעגירער און אַבסאָלוט שעדליך פֿיר דער גע־מיינדע. אין ערשטען פֿאַל הייסט עס, זיי האָבען איהם דעלעגירט צו טאָהן אַ געוויסע אַרבייט פֿאַר זיי; אין צווייטען פֿאַל מיינט עס, זיי האָבען זיך אויסגעקליבען אַ שטעלפֿערטרעטער, און האָבען א י ה ם צו גונסטען, זיך ענטזאגט אויסצואיבען זייער אייגענע קראַפֿט — דער איבערזעצער.)

דער רעגירער איז אַ פּריווילעגירטער פערזאָן, וואָרום ער האָט אַ רעכט צו בעפֿעהלען אַנדערע און בענוצען זייער קראַפֿט אויסצופֿיהרען זיינע געדאַנקען און זיינע פֿערלאַנגען; דער הויפט מעכאַניק איז איין אַרבייטער גלייך מיט אַלעמען, אין אַ געזעלשאַפֿט, פֿערשטייט זיך, וואו אַלע האָבען גלייכע געלעגענהייטען זיך צו ענטוויקלען, איז נור דער בעסטער טאַלאַנט קריגט די אַנערקענונג פֿון זיינע מיטאַרבייטער. קורץ געזאגט: די צוטהיי־לונג דער אַרבייט, אָדער די אָרגאַניזאַציאָן דער אַרבייט איז אונטער קיינע אומשטענדען געגען דעם פרינציפּ פֿון אַנאַרכיזמוס; דאָס מוז אין זיך ניט איינהאַלטען קיין מאַכט פֿערטרעטונג, אַרבייטען איז ניט רעגירען. —

און ווער וועט אונזער געזעלשאַפֿט בעשיצען פֿון די אינערליכע און אויסערליכע פֿיינד? פֿרעגען אַלע וואָס זיינען ניט קיין אַנאַרכיסטען. דאַרף מען דען גאָר ניט האָבען קיין מיליטער, פּאָליציי און ריכטער? וואָס גע־הערט צו מיליטער און מלחמות מיט אַנדערע לענדער, ערשטענס קענט איהר זיין זיכער אַז פֿרייע פֿעלקער כאַפּען זיך ניט אַזוי שנעל מלחמה האַלטען איינע מיט די אַנדערע; אָבער לאָמיר אָננעהמען אַז די רעגירער פֿון אַ לאַנד, וועלכע איז נאָך געבליבען פֿערזונקען אין שקלאַפערייַ, האָט ערקלערט אַ קריג אַ געוויסען פֿאָלק אין אַ פֿרייע לאַנד

אָהן רעגירער. וואָס וועט דאַן זיין, פֿרעגט איהר, ווער וועט זיי בעשיצען? ערשטענס זאָגט אונז: ווער בעשיצט זיי היינט? ווער שלאָגט זיך אין אַ מלחמה, די פֿאָלק אָדער די רעגירער? און צווייטענס, קענט איהר זיך פֿאָרשטעלען, אַז אויב אַ פֿיינד וועט קומען אַוועקרויבען פֿון פֿאָלק זיין פֿרייהייט, וועט ער שטעהן רוהיג און וועט צוקוקען ביז דער הערשער וועט איהם הייסען זיך געהן שלאָגען? צו האַלטען מלחמה דאַרף מען האָבען צוויי זאַכען: אַ פֿאָלק וואָס וויל געהן זיין בלוט פֿערגיסען און מענשען וואָס בעזיצען די נויטיגע שטרייט קענטניסע אָנצופֿיהרען די מלחמה; קען די רעגירונג פֿאַרמעהרען די אָפּפֿערוויליגקייט פֿון פֿאָלק אָדער די קענטניסע פֿון די אָנפֿיהרער? אָבער אויך אויסער דעם, זייט אַמאָל זיכער, ווען אַ פֿאָלק וויל ווירקליך פֿאַרטהיידיגען זיין לאַנד, קען איהם קיין טייוועל ניט איבערוועלטיגען. אין דער וועלט געשיכטע ווייס מען גענוג פֿון אזעלכע ביישפּיעלע: טהראָנען ציטערען, גאַנצע אַרמעען פֿון געדונגענע סאָלדאַטען פֿליהען פֿאַר איין פֿאָלק פֿרייוויליגע. זאָרגט אייך אַלזאָ ניט פֿאַר אַ פֿרייען פֿאָלק, וואָס גייט אין שלאַכט-פֿעלד צו בעשיצען זיין פֿרייהייט, קיין שטאַרקערע מאַכט גיט עס אין דער גאַנצער וועלט ניט!

„איהר ווילט אָבשאַפֿען פּאָלים און ריכטער, שרייען זיי ווייטער, איהר ווילט יעדער איינער זאָל זיין פֿריי צו הרגענען מענשען אין די גאַסען, אַ רויבער־פֿרייהייט ווילט איהר איינפֿיהרען, אַ געזעלשאַפֿט פֿון הפֿקר מענשען וואו יעדער איינער רויבט און מאָרדעט פֿיעל זיין האַרץ געלוסט". און אַ זיי פֿאַרווילט זיך גאָר, מאַכען זיי נאָך אַ וויץ און פֿרעגען: „אויב איהר ערלויבט יעדען איינעם פֿאָלקאָמענע פֿרייהייט טאָ ווי וועט זיין אַז עטליכע וועלען חשק האָבען איינצופֿיהרען פֿון דאָס ניי אַ רעגירונג מיט פּריוואַט אייגענטהום?" אַ שעהנעם פּנים מאַכען די חברה פֿון אונזערע אידעען! דיסקוטירען מיט אַזעלכע איז ניטאָ וואָס, מען מוז קוועטשען די פּלייצעס און זיי אָנקוקען ווי משוגעים.—מענשען! די פֿרייהייט וואָס מיר פּריידיגען איז ניט קיין אבסאָלוטע, אבסטראַקטע, מעטאַפֿיזישע, אין דער לופֿט הייגענדיגע פֿרייהייט. מיר פּריידיגען אייך אַ פֿרייהייט וואָס איהר קענט פֿיהלען מיט אייערע חושים, אַ מענשליכע פֿרייהייט, אַן אַלגעמיינע אינטערעסען־פֿעראייניגונג, ברידערליכע אחדות און פֿרייוויליגע סאָלידאַריטעט פּריידיגען מיר אייך! מיר זאָגען, זאָל יעדער מענש טהאָן וואָס ער וויל, ווייל מיר זיינען איבערצייגט, אַז אין אַ געזעלשאַפֿט וואו עס איז ניטאָ קיין פּריוואַט אייגענטהום און קיין רעגירונג, וועט יעדער איינער טהאָן וואָס מי דאַרף. „נאַטירליכע פֿרייהייט פֿיר נאַטירליכע מענשען" איז אונזער אייציגע מאָטאָ.--

גאַנץ געוויס, אויב עס וועלען זיך איינגעפינען פערזאָנען, וועלכע דורך שלעכטע ערציהונג אָדער דורך פיזישע קראַנקהייטען, אָדער דורך אירגענד וועלכע אורזאַכע וועלען זיין אויפגעלייגט צו שאַדען די געמיינדע, וועלען מיר ניט בלייבען שטעהן פון וויטען און דערלאָזען די דאָזיגע פערזאָנען אונז צו טהאָן שלעכטעס, מיר וועלען זיך געוויס בעשיצען פון אַזעלכע, מיט די בעסטע מיטלען וואָס מיר וועלען נור געפינען. זעלבסט־שוץ איז איינע פון די ערשטע נאַטירליכע געזעצע. מיר האָבען קיין רעכט ניט אַזעלכע לייטע צו באשטראָפען, קיינער האָט קיין רעכט ניט אַ צווייטען צו באַ־שטראָפען. וואו עס זיינען קיינע אויסערליכע זאַכען ניטאָ פאַרוואָס אַ מענש זאָל וועלען טהאָן שלעכטעס דעם אַנדערן און דאָך זאָל ער וועלען טהאָן שלעכטעס איז עס קלאָהר אַז זיין אינערליכער אָרגאַניזמוס איז ניט אויף איין אָרט, אַז עפּעס פעהלט איהם אַז ער איז ניט מיט אַלעמען, קורץ: ער איז קראַנק. שטראָפען אַ קראַנקען מענשען האָט קיין זינן ניט; נור דער וואָס איז זעלבסט גייסטיג קראַנק קען וועלען שטראָפען אַ קראַנקען. מיר קענען אַזאַ מענשען ניט האַסען, מיר זיינען ניט פעררי‌קט צו וועלען ראַכע נעמען פון איהם. איז ער אויפגעלויגט צו טהאָן שלעכטעס, לאָמיר ערשטענס זיך היטען פאַר איהם, און צווייטענס אָרגען פיר איהם ער זאָל זיך אויסקורירען, ער זאָל ווערען געזונד אויב מעגליך. דאָס פאָלק וואָס פאַרשטעהט די ריכטיגע מיינונג פון פרייהייט, וועט פערשטעהן ווי צו האַנדלען אין אַזעלכע פעללע. האָט עס אָבער אַ זינן צו גלויבען, אַז אויב עס וועט זיין אַ געזעץ, וועלכער וועט אויסדריקליך פאַרבאָטען אַזעלכע און אַזעלכע האַנדלונגען, וועט דער פעהלערהאַפטער אָרגאַ־ניזמוס פון יענעם קראַנקען זיך ניט אַרויסצייגען אַלס שעדליך, אַלס קראַנק? גוטע מענשען, געזונדע מענשען, ווייסען אַלע, דאַרפען קיין מאָהל קיין געזע־צע ניט, דעם שלעכטען מענשען העלפען די געזעצע ניט ווייל ענטוועדער די אומשטענדען זיינען שולדיג, ווי אין היינטיגער גע־געלשאַפט, אָדער זיין גייסטיגער צושטאַנד איז פעהלערהאַפט. אַלזאָ, זיינען געזעצע איינפאַך איבעריג; איינצופירען אַזעלכע אין אַ פרייע געזעלשאַפט וואָלט געהייסען אין בעסטען פאַל אַ ווילדער לוקסוס, אָבער בעטראַכט מיט וואָס דאָס שמעקט. צו האָבען געזעצע דאַרף מען וועהלען געזעצמאַכער; זיי קענען קיין אַנדער זאַך ניט טהאָן, ווייל זיי מוזען זיך אָבגעבען דערמיט דערווייל דאַרף די געזעלשאַפט אַרבייטען פיר זיי; די געזעצע וואָס זיי מאכען קענען זיין שלעכטע, בריינגט עס שוין פאָזיטיווע שאַדען; אויסצו־פירען זייערע געזעצע דאַרף מען האָבען בעשטענדיגע פאָליציי, ריכטער,

אַדוואָקאַטען און טורמעס, די זעלבע זאַך ווי אין היינטיגע צייטען, די אַלע בעאַמטע שטעלען צוזאַמען אַ מעכטיגע רעגירונג מיט איהרע פֿאַרטהייען, קאָרופּציאָן, אַפּיס־זוכערס און פּאָליטישע באָסעס און אזוי ווייטער און ווייטער. אַלץ צוליעב וואָס? צוליעב געזעצע וואָס זיינען איינפֿאַך איבעריג! אַפּילו היינטיגע צייטען, ווען דאָס פֿאָלק געפּינט אויס אַז אַ געוויסע זאַך איז שעדליך, וואָרט זי ניט אויף קיינעם און זוכט באַלד אויס אַ וועג ווי דאָס שעדליכע צו פֿערמיידען, פֿיעל לייכטער און איינפֿאַכער ווי די פּראָפֿעסיאָנעלע געזעצמאַכער וואָלטען עס געקענט טהאָן, מיט זייערע ריכטער און שעריפֿס. דאַגעגען, דיינקט דאָס פֿאָלק אַז אַ געוויסע זאַך איז ניצליך, דאַן היטען זיי עס אויס מיט פֿיעל מעהר פֿאָרזיכטיגקייט ווי אַ גאַנצע אַרמעע פּאָליציסטען וואָלטען עס געטאָהן.

מענשען האַנדלען אין אַ געוויסע וועג, ווייל זיי דיינקען אַז עס איז גוט אַזוי; זיי רעספּעקטירען און פֿאָלגען אַ געוויסע מאָראַל, ווייל זיי זעהען די ניצליכקייט פֿון איהר. ווען זיי פֿארלאָזען זיך אויף דער רעגירונג צו פֿאַרהיטען אַ געוויסען מנהג, איז אַ בעוויז אַז עס אַרט זיי וויניג די גאַנצע מעשה. פֿיר דעם רייזענדען קאַראַוואַן אין די מדבריות פֿון אַפֿריקאַ צ. ב. ש. איז וואַסער זייער אַ וויכטיגער אַרטיקעל: קיין קלאָרען מענשען וועט ניט איינפֿאַלען אין קאָפּ בעת מעשה צו פֿערגיסען אַן איבעריגען טראָפּען דערפֿון; וואַסער איז פֿאַר זיי אַ הייליגע זאַך דאַן, זיי דאַרפֿען קיין געזעץ ניט וואָס זאָל זיי אויפֿמערקזאַם מאַכען ווי וויכטיג עס איז. די וואָס בעטהייליגען זיך אין אַ קאָנספּיראַציאָן מוזען קענען האַלטען אַ סוד; די רעגירונג טאָהר ניט וויסען זייערע געהיימנים: זיי האַלטען זייערע סודות זאָ לאַנג זיי פֿיהלען די נויטיגקייט דערפֿון. די רעגירונגס געזעצע גאַראַנטירען ניט די חובות פֿון קאָרטען-שפּילער, דאָך ווערען אָפֿט אַזעלכע חובות מעהר פּינקטליך בעצאָלט ווי געזעצליכע חובות, ווייל די שפּילער האַלטען זיך שטענדיג פֿאַר עהרען־מענשען און בעטראַכטען פֿאַר אַ שאַנדע ניט צו בעצאָהלען אַ חוב. די גרעסערע טהייל פֿון איטאַליענער פֿאָלק זעהען זעלטען ווען אַ פּאָליסמאַן אין די אויגען; מיליאָנען זייערע, רייזען דורך די בערג אין די לאַנר, וואו גזלנים וואָלטען זיי געקענט איבערפֿאַלען אָהן די קלענסטע פֿורכט פֿאַר אַ פּאָליסמאַן; און דאָך איז זייער לעבען ניט מעהר אין ריזיקע אין אַזעלכע געגענדען ווי אין אַנדערע פּלעצער וועלכע זיינען פֿול מיט פּאָליס, די סטאַטיסטיק צייגט, אַז וואָס שטריינגער די מיטלען זיינען צו אונטערדריקען פֿאַרברעכער, אַלץ מעהר פֿאַרברעכענס פּאַסירט — נו, דאַרף מען האָבען געזעצע און פּאָליס צו שיצען אונזער לעבען?

וויפיעל מענשען פון די טויזענדער פון פאָלק זיינען באקאנט מיט אפילו דעם קלענסטען פראָצעס פון די געזעצע פון לאַנד? מיר לעבען פון דעסטוועגען, האָטש מיר האָבען קיין מאָל ניט אנגעזעהן דעם קרימינאַל־קאָדעקס. מיר ווייסען אַז עס איז ניט גוט צו גזל'נען, גנב'ען, מאָרדען, בעטריגען, זאָגען ליגען א. ז. וו. צוליעב דעם, ווייל מען וועט דערפאַר היינגען אָדער אַריין זעצען אין טורמע אויף אַ יאָהר אָדער פינף אָדער צעהן? דער עהרליכער מאַן, דער וואָס זיינע אומשטענדען צווינגען איהם ניט צו טאָהן אַ פערברעכען, טהוט עס ניט, ווייל ער פיהלט אַז אַ מענש דאַרף עס ניט טאָהן; דער פאַרדאָרבענער, דאַגעגען שרעקט זיך קיין מאָל ניט אָפּ פאַר דער תליה אָדער דער טורמע. —

ווען עס קומט פאָר א דיספוט צווישען גלייכע מענשען, וואָלט דען ניט אַ פרייוויליגער אויסגעקליבענער פשרה מאַכער געקענט בעסער און ריכטיגער סעטלען זייער דיספוט, ווי אַ אונפעראַנטוואָרטליכער מאַגיסטער, וועלכע קען קיין מאָל ניט ווימען אַלע פערהעלטניסע פון אַלע הונדערטע פעהלע וואָס קומען איהם פאָר, נור ער האָט אַ רעכט צו געבען זיין אורטהייל אויף אַלעמען און אַלעס ווי זיין שגעון פאַרדרייט איהם? די פאָלים און די ריכטער, ווי יעדע פאָרמע פון רעגירונג האָבען נור איין צוועק צו אונטערדריקען אַזעלכע פארברעכענס, וועלכע גרייפען אָן די פריווילעגיעס פון די הערשער. צו באַשיצען דאָס פאָלק, דאָס וואהלזיין פון דער געזעלשאַפט, צו זיכערען יעד'ען איינעם'ס פרייהייט, קען נאָך קיין מעהר פערדאָרבענע איינריכטונג ניט געבען ווי דיזע קלאַססע פונקציאָנערן, וועלכע פרעטענדירען אַלעמען צו באַשיצען, אָבער אין אמת'ן זיצען זיי נור יעדען איינעם צו באַגראָבען, וועלכער איז אַ געגנער פון זייערע אינטערעסען, פון זייער קנעכטישען געזעץ שווינדעל. —

„אַלץ וואָס איהר האָט דאָ געזאָגט, רופען זיך אָן אַנדערע, קען זיין אַז עס איז אמת; אַנאַרכיזמוס קען טאַקע זיין אַ פאָלקאָם גערעכטע פאָרמע פון סאָציאַלען לעבען; מיר ווילען אָבער ניט שפרינגען אין דער פינסטערניס, זאָגט אונז ווי אזוי די געזעלשאַפט וועט זיין אָרגאַניזירט!" און גלייך הייבען זיי אָן צו וואַרפען אַ באַרג מיט פראַגעס, ווי צום ביישפיעל: נאָך וואָס פאַר א מעטאָדע יועט מען ערציהען קינדער? וועלען די גרויסע שטעדט בלייבען ווי זיי זיינען, אָדער די מענשען וועלען זיך אויסשפרייטען איבער די קאַנטרים? וועלען אַלע איינוואָהנער פון סיביר האַלטען ווינטער אין דער שטאָדט ניצע? וועט יעדער איינער האָבען צו מיטאג געבראָטענע טויבען מיט שאַמפאַניער וויין? ווער וועט וועלען זיין אַ מינען-אַר-

ביימער אָדער אַ מאַטראַז? ווער וועט רייניגען די רינשטאָקס? וועט מען די קראַנקע היילען צו הויז אָדער אין האָספּיטעלער? ווער וועט אראַנזשי־רען דעם צייט-טאַבעלאַ פֿון די אייזענבאַנען? וואָס וועט זיין אַז דער לאָקאָ־מאָטיוו אינזשינער וועט פּלוצלונג קראַנק ווערען אין מיטען וועג?" און נאָך אַכצעהן טויזענד אַזעלכע פֿראַגען, וואָס איז אַן אונזין צו פֿרעגען און נאָך אַ גרעסערער צו ענטפֿערען. קענען מיר דען אין נאָמען פֿון אַנאַרכיזמוס פֿאָרשרייבען פֿאַרן מענשען פֿון קומענדען דור, ווי ער זאָל זיך פֿיהרען אין זיין טעגליכען לעבען? וויפֿיעל אַזויגער ער זאָל גיין צו בעט, אָדער אין וועלכען טאָג פֿון וואָך ער זאָל זיך שניידען די נעגעל?

ווירקליך, אויב אונזערע לעזער ערוואַרטען פֿון אונז אַן ענטפֿער אויף אַזעלכע פֿראַגען, מוזען מיר מודה זיין, אַז מיר האָבען גאָר ניט אויסגעפֿיהרט מיט אונזער גאַנצער ארבייט זיי צו ערקלערען וואָס אַנאַרכיזמוס איז. קיין פּראָפֿעטען זיינען מיר ניט, און אויב די אידעע צו פֿערניכטען רעגירונג איז ביי אונז ניט קיין פּוסטער חלום, קענען מיר געווים זיך ניט אַוועקזעצען און אָנשרייבען אַ פֿאָרמאַלנע, אָפֿיציעלע ערקלערונג אויף אַלע טויזענ־דער פֿראַגען וואָס וועלען פֿאָרקומען אין לעבען פֿון דער צוקונפֿטיגער געזעלשאַפֿט. אַלעס וואָס מיר קענען היינט טאָהן, איז צו בעטראַכטען ערנסט און וויסענשאַפֿטליך די גרונד פּרינציפּען, אויף וועלכע די קומענדע געזעלשאַפֿט וועט האָפֿענטליך זיין געבויט. מיר קענען באַהויפּטען אַז איין אַלגעמיינע צענטראַליזירטע פּראָדוקציאָן מיט אָפֿיציעלע אינדוסטריע-קאַפּי־טאַנען וועט אַרויסרופֿען אַ קנעכטשאַפֿט, גענען וועלכע היינטיגע איז די ריינסטע פֿרייהייט. דאַגעגען קענען מיר אָבער אָנצייגען די מעגליכקייט פֿון אַ ריכטיג פֿרייע פּראָדוקציאָן, א. ז. וו. קענען מיר אָבער אָנצייכענען פּינקטליך ווי אַזוי די גרופּען וועלען זיך פֿעדערירען? ווער קען פֿאָראויס זעהן צו וואָס פֿאַר אַ שטופֿע די מענשהייט קען זיך ענטוויקלען זייענדיג פֿריי פֿון ארמוטה און פֿון אונטערדריקונג? ווער קען פֿאָראויס זעהן דעם פּראָגרעס די וויסענשאַפֿט, די נייע קוועלען דער פּראָדוקציאָן וועלכע ווערען זיכער אויפֿשטייגען זייער הויך זאָ לאַנג אַלע מענשען וועלען בעזיצען די מיטלען פֿון בילדונג, זאָ לאַנג דער קאַמפּף אַנשטאָט פֿון איינער גענען דעם אַנדערן וועט געבען פּלאַטץ פֿיר דעם נאַטור-קאַמפּף פֿון אַלע פֿאַר אַלעמען, פֿיר פֿאָלקאָממע סאָלידאַריטעט?!

מיר קענען זיך ניט אַבגעבען מיט די איינצעלהייטען פֿון דער צוקונפֿטס געזעלשאַפֿט; די גרונדלאַגען אויף וועלכע זי זאָל געבויט ווערען איז אַלץ וואָס עס איז וויכטיג פֿאַר אונז צו ערקלערען. קיין

הערשאַפֿט אין קיין פֿאָרמע פֿון קיין מענשען איבער קיין אַנדערע — דאָס איז אונזער ערשטער פּרינציפּ. פֿאָלקאָמע גלייכע געלעגענהייטען פֿיר יעדער געזונטען מענשען צו זיכערן זיין עקזיסטענץ און מעגליך מאַכען זיין נאַטירליכע ענטוויקלונג — איז אונזער צווייטער גרייסער פּרינציפּ. דער פּרינציפּ פֿון קיין הערשאַפֿט, אַנאַרכיע, האַלט אין זיך איין די פּאָזיטיווע זייט פֿון פערזענליכע איניציאַטיווע: קיין אויטאָריטעט קיינעם צו בעפֿעהלען, אַלזאָ מוז יעדערער האַנדלען זעלבסטשטענדיג, פֿון זיין אייגענעם געדאַנקען און ווי זיין האַרץ געלוסט. דער פּרינציפּ פֿון גלייכע געלעגענהייטען, דורך קאַלעקטיווע אייגענטהום, האַלט אין זיך איין די נעגאַציאָן (פֿערניינונג, פֿערלייקענונג) פֿון לאָהן אַרבייט און קאָנקורענץ: קיינעמס גליק הייננגט ניט אָב פֿון דעם אַנדערענס אונגליק, אַלזאָ וועט יעדערער האַנדלען ווי צום בעסטען פֿיר אַלעמען. דאָס איז די מאָראַל פֿון סאָלידאַריטעט.

אין אונזער ערשטען פּרינציפּ זיינען מיר געגנער פֿון די אויטאָריטעט־סאָציאַליסטען וועלכע ווילען פֿאַרטרויען די קאָנטראָלע פֿון גאַנצען סאָציאַלען אָרגאַניזמוס צו עטליכע עקזעקיוטיווע קאָמיטע־לייט, און פֿאַרלייקענען דורך דעם די פֿרייע פערזענליכע איניציאַטיווע. אין אונזער צווייטען פּרינציפּ זיינען מיר געגנער פֿון די אַלע אינדיווידואַליסטען, וועלכע אַנערקענען פּריוואַט אייגענטהום און די פֿאָלגליכע אונגלייכהייטען אין די געלעגענהייטען פֿון עקזיסטענץ און ענטוויקלונג. די אויטאָריטעט־סאָציאַליסטען, ווי די פּריוואַט־אייגענטהום־אינדיווידואַליסטען קומען ביידע גלייך צו קורץ פֿון אידעאַל פֿון סאָלידאַריטעט: די ערשטע פֿיהרט צו אַ קנעכטישען קאָמוניזמוס, די צווייטע — צו אַ פֿרייע הינט־שלעגעריי, האַרמאָניע קען ביי ביידען ניט זיין.

אַ געזעלשאַפֿט געבויט אויף סאָלידאַריטעט וועט אימער געפֿינען די בעסטע יועג ווי אַזוי איינצואָרדנען אַלע איינצעלהייטען פֿון איהר אָרגאַניזאַציאָן. קינדער ערציהונג? מיר קענען יעצט ניט וויסען ווי אַזוי די צוקונפֿטיגע מענשען וועלען די זאַך בעשיידען; מיר קענען אָבער זיך פֿאָרשטעלען אַז געוויס וועלען די עלטערן, די לעהרער און אַלע וואָס אינטערעסירען זיך מיט דער פֿראַגע, זיך צוזאַמען קומען דיסקוטירען, איינשטימען אָדער זיך פֿאַנאַנדער געהן ווי פֿרייע מענשען, פּראָבירען פֿערשידענע מעטאָדען אין פּראַקטיקע און די מעטאָדע וואָס וועט געבען די בעסטע רעזולטאַטען וועט וואַהרשיינליך אָנגענומען ווערען. קיין אַנדער וועג קענען מיר זיך ניט פֿאָרשטעלען. אין דער ווירקליכקייט קען דען זיין אַ בעסערע וועג? איז אָבשטימונג פֿיר מאַיאָריטעט אַ בעסערע וועג? אונז שיינט אז אַ מאַיאָריטעט

געזעץ, אויסער דעם וואָס ער פֿאַרלייקענט אין פּרינציפּ די פֿרייע אינצי-
אַטיווע פֿון דער מינאָריטעט, וועט נאָך אַלעם דעם דאָך ניט קענען
פֿאַרוועהרען די מינאָריטעט צו האַנדלען אין פּראַקטיקע ווי זי וויל, סיידען
דורך פּאָליציי און טורמע, וועלכע דאַרפֿען ניט פֿאָרקומען אין דער צוקונפֿ-
טיגע געזעלשאַפֿט; עס מאַכט אָבער דאָך אויס אַ גרויסען אונטערשיעד,
אויב די געזעלשאַפֿט ערקלערט די אונצופֿרידענע מינאָריטעט פֿאַר ק י ק ע ר ס,
רעוואָלוציאָנערען און דאס גלייכען, אָדער זי ערקלערט איהר פֿאָלקאָם
בערעכטיגט צו האַנדלען ווי זי וויל. גראַדע ווי אין פֿאַרקעהרטען פֿאַל,
ווען די מינאָריטעט גיט אָב איהר רעכט, מאַכט עס אויס אַ גרויסען
אונטערשיעד, אויב זי טהוט דאָס פֿרייוויליג, מיט אַ געפֿיהל פֿון סאָלידאַ-
ריטעט, אָדער געצוואונגען, אויס פֿורכט פֿאַר דער פּאָליציי אָדער דערפֿאַר
וואָס די מאַיאָריטעט וועט זיי רופֿען קיקערס. מיר זאָגען נאָך אמאָל: לאָזט
די פֿרייע מענשען האַנדלען ווי זיי וועלען פֿאַרשטעהן; מאַכט אָבער, ביטע,
פֿאַר זיי קיינע געזעצע, וועלכע וועלען זיי צווינגען גלייך אין אָנפֿאַנג זיך
צו צוטהיילען אין מאַיאָריטעט און מינאָריטעטס פּאַרטייען, און זיך אַרום
רייסען ווי פּרינציפּעלע געגנער! —

צווישען אונזערע געגנער זיינען דאָ אַזעלכע וואָס גיבען צו אַז דער
אַנאַרכיזמוס איז טאַקע דער העכסטער אידעאַל פֿון פֿרייהייט און גלייכהייט,
זיי גיבען אויך צו אַז עס איז מ ע ג ל י ך עס זאָל פֿאַרווירקליכט ווערען,
זיי טענה'ן אָבער, אַז עס איז נאָך צו פֿריה, אַז די מענשהייט איז נאָך
ניט רייף גענוג צו קענען לעבען אָהן רביים און אָהן מייסטערס. זיי וואָל-
טען אָבגעלייגט דעם אַנאַרכיזמוס אַזוי וויט ווי מעגליך, און גיבען אָן
פֿאָלגענדע אַרגומענטען: אַ געזעלשאַפֿט אָן רעגירונג אָרגאַניזירט אויף
פֿרייוויליגע קאָאָפּעראַציאָן, געבויט אויף פֿרייע פּערזענליכע אינציאַטיווע,
בעגרינדעט דורך אויס אויף סאָלידאַריטעט איז געוויס, זאָגען זיי, אַ שעה-
נער, אַ פּראַכטפֿאָלער אידעאַל, אָבער אַזוי ווי אַלע אידעאַלען איז עס ניט
מעהר ווי אַ לופֿט שלאָס. מיר לעבען היינט אין אַ געזעלשאַט, וועלכע איז
זייט טויזענדער יאָהרען צוטהיילט אין קלאַסען פֿון בעדריקער און בעדריק-
טע; דער קלאַס בעדריקער איז דורכגעזויגט מיט דעם גייסט פֿון הערשאַפֿט
און טיראַניי, און דער קלאַס בעדריקטע איז אויפֿגעצויגען אויף אונטער-
טעניגקייט און איז דורך און דורך פֿערפֿוילט פֿון מיזעראַבלע קנעכטשאַפֿט?
ווי קומט צו די מענשען אַ געפֿיהל פֿון ברודער-ליבע, פֿון סאָלידאַריטעט
יעדער איינער קעמפֿפֿט געגען יעדער אַנדערן, די קאָנקורענץ צווינגט
אַלעמען זיך צו רייסען, ווי די הינד צווישען זיך איבער אַ טרוקענעם ביין

— ווי קענען אזעלכע מענשען מיט איין מאל ווערען מלאכים און לעבען סאלידאריש צווישען זיך? קען מען זיך דען פערלאזען אויף אזא אונוויסענדע, קארומפירטע מאססע, פארדומט פון פריסטער, פארפוילט פון ארמוטה, פארזונקען אין מאראל-לאזיגקייט, זי זאל מאכען א רעוואלוציאן און דורך טייכען בלוט פירען אונז צו א גן עדן אויף דער וועלט? וואלט ניט זיין בעסער און קליגער צו טרייען שטופענווייז צו קומען צום אנארכיסטישען אידעאל, דורכגיין רעפובליקאנישע, דעמאקראטישע, סאציאליסטישע שטופען? איינשטעלען א רעגירונג פון די בעסטע מענשען זי זאל ערציהען און ענטוויקלען און פערברייטען די מאססען צו קענען לעבען סימפאטיש און סאלידאריש צווישען זיך? —

אלזא, נאך אמאל די רעגירונג אלס ענטוויקלער פון פאלק! ווידער אמאל דער אלטער שיר המעלות: לולי מוראה של מלכות איש את רעהו חיים בלעו! איז עס געווען גאר אין גאנצען ארויס געווארפען וואס מיר האבען בעוויזען אז די רעגירונג האלט ניט אויף די געזעלשאפט, אז אלעס קומט ארויס פון די איינצעלנע פערזאנען, אז די רעגירונג קען אויף א האר ניט פארמעהרען די טהעטיגקייט פון די אינדיווידואומען, אז זי פערדארבט נור די קרעפטען וואס עקזיסטירען און שאפט זיך פריווילעגיען, מאנאפאלען, העסליכע קאנטראסטען אין לעבען?! זאל עס זיין אבצעהן טויזענד מאהל ווידערהאלט: פארניכטען רעגירונג און אויטאריטעט מיינט קיין מאהל ניט פארניכטען די אינדיווידועלע און קאלעקטיווע קרעפטען, וועלכע האלטען אויף צו יעדער צייט די געזעלשאפט און וועלען איהר טויזענדער מאהל בעסער אויפהאלטען אהן רעגירונג און אהן אויטאריטעט. פארניכטען אויטאריטעט, מיינט פארניכטען די מאנאפאל פון קראפט און איינפלוס; עס מיינט צו פארניכטען א צושטאנד אין וועלכען די קאלעקטיווע קראפט פון גאנצער געזעלשאפט ווערט פארברויכט צו פארדערן די אינטערעסען פון א הערשער קלאססע. קען די היינטיגע מענשהייט ניט בעשטעהן אהן איהרע קארומפירער, פארדומער און בעטריגער, דאן וועלען די רעפובליקאנישע, דעמאקראטישע און סאציאליסטישע שטופען אויך ניט קענען ארויפזעצען א נייע קאפ, אזוי שלעכט, איז גליקליכער ווייזע, נאך ניט.

עס איז אמת אז א גרויסע טהייל מענשען איז היינט פארדארבען, עס איז זיכער אז ניט אלע וועלען זיך מיט אמאל קענען אויפהייבען צום הויכען מאראל פון סאלידאריטעט; אבעא צי דען ווייל היינט זיינען די דיינקענדע און טהעטיגע געזעלשאפטס קרעפטען ווייניג אין צאהל, זאל מען זיי נאך מעהר פאראליזירען דורך „פעטערליכע זארגפעליגקייט" פון רעפובליקאנישע,

דעמאקראַטישע און סאָצ. רעגירונס שטופּען? יעדענפאַלס מיינען מיר אויך ניט אַרויפצוזעצען אויף די פּערואָרבענע טהייל מענשהייט אַ נייע קאָפּ; מיט ניכטערנע שפּייעכץ וועלען מיר די קאָפּ ניט צוקלעפּען; מיר ווייסען גאַנץ גוט אַז אויף אַ פּערפּוילטען קערפּער וועט זיך אַ געזונטע קאָפּ ניט האַלטען; ריזיקירען מיר דען אָבער מיט עטוואָס ווען מיר ווילען צוברעכען די קייטען? ווי פאַרדאָרבען זיי מעגען ניט זיין, מיר האָבען קיין מורא ניט, אַז זיי וועלען זיך אויפּעסען לעבעדיגע פון גענוג וואָהלטאג, פון גענוג פרייהייט. ווי פּרודאָהן האָט געזאָגט: די פּרייהייט איז די מוטער, ניט די טאָכטער פון אָרדנונג. איהר האָט מורא די היינטיגע מענשהייט וועט אהן אַ רעגירונג ניט קענען פּעריכטען די נויטיגע געזעלשאַפטליכע פונקציאָן? צום ביישפּיעל: פאָלקס בילדונג? — וועלען זיך געפינען געבילדעטע לייט וואָס האָבען חשק צו פּערשפּרייטען בילדונג, וועלען זיי אָרגאַניזירען שולען, דרוקען ביכער, און טהאָן וואָס זיי קענען. וועלען זיך אַזעלכע ניט געפינען, אָדער זיי וועלען זיין צו ווייניג, וואָס קען אַ רעגירונג העלפען? בעשאַפען געבילדעטע לייט מיט חשק צו פּערשפּרייטען זייער בילדונג וועט זי געוויס ניט קענען, פּערדארבען זיי, מאַכען פון זיי פּאָליטישענס, דאָס קען זי; מיר זיינען עס אָבער איהר מוחל.

פאָלקס-געזונדהייט? — דיזעלבע, מיינע הערן: וועלען זיין דאָקטוירים. און היגיעניסטען, וועלען זיי זיך אָרגאַניזירען און אַכטונג געבען דאַרויף, וועלען ניט זיין אַזעלכע, וועט די רעגירונג ניט קענען בעשאַפען קיין נייע. פּאַרדאַ־בען דיזעלבע א. ז. וו., דאָס קען זי: אָבער מוחל! ווי פריהער־אינזשינערען, מעכאַניקער, אייזענבאַהנען צו בויען א. ז. וו. — גראַדע דיזעלבע, גראַדע דיזעלבע. אַלזאָ, וואו איז דער שרעק? וואָס איז די מורא פאַר פאָלק? וואַצו די שלעפּעריגע רעפּובליקאַנישע, דעמאָקראַטישע, סאָציאַליסטישע שטופּען? וועט נור דאָס פאָלק מאַכען אַ רעוואָלוציאָן, קען עס גאַנץ זיכער אָבשאַפען די רעגירונג, דען נור דאַמאָלס וועלען די מאַסען האָבען אַ מעגליכקייט זיך אויסצובילדען; דורך פרייהייט לערנט מען זיך אויס צו זיין פריי, אַזוי ווי איין אַרבייט לערנט מען זיך אויס אַרבייטענדיג.

אָבער ניין! איהר האַלט זיך נאָך אַלץ ביי דער אידעע, אַז מ׳קען מאַכען אַ רעגירונג פון די בעסטע, פון די עדעלסטע, פון די טהעטיגסטע, גוט, ווי אָבער זאָלען מיר זיי אויסגעפינען? פון מאַיאָריטעט וואַהל אַ שטייגער ווי אין היינטיגע צייטען? אָה, פריינד, דער אַלטער דזשאהן סטואַרט מילל, דער קאָנסערוואַטיווער פון אַלע ליבעראַלען פון זיין צייט, האַט מיט פופציג יאָהר צוריק שוין אַזוי צוקלאַפּט די מעטאָרע, אַז וויטערע

קריטיק איז זיכער ניט מעהר נויטיג, און זאָל שוין אַפּילו זיין דורך די בעסטע מעטאָדע ווי דער אַלטער מילל וואָלט געוואונשען; א וואָהל דורך אַ אמת'ע, זיכערע מאַיאָריטעט, אָהן פּאַרטיי-טריקס, אָהן בודעל, אָהן שווינדעל, אַ וואָהל פון גאַנצען פּאָלק — אָה, זאָגט אונז, איהר הערען! קען אַ אידיאָט זיך אַליין וועהלען אַ לעהרער? קען אַ דורך און דורך קאָרומפּירטע מאַסע, ווי איהר רופט זיי, וועלכע קען זיך אַליין איין טאָג אין יאָהר אַפּילו ניט רעגירען, קען אַזאַ פּאַרדאָרבענע באַנדע וויסען ווער דער בעסטער מענש איז איהר צו רעגירען? ענטפערט דאָך, כ'בעט אייך אויף די פראַגע! אַ מאַססע אידיאָטען זאָלען זיך וועהלען אַ רעגירונג פון געניסען! ענטפערט נור דאָס, מיר וועלען אייך שוין ניט פרעגען, וואָס וועט זיין מיט די מיניאָריטעט, מעגליך די קליגסטע טהייל, וועלכע שטימט ניט איין מיט די „אידיאָטען-מאַסע"!

מיר זעהן נור איין וועג ווי צו פערענטפערען די פראַגע: פאַרניכטען די רעגירונג דורך רעוואָלוציאָן, איינפיהרען קאָלעקטיוו-אייגענטהום, זאָ דאָס יעדערער קריגט אַ מעגליכקייט צו צייגען וואָס ער קען מאָהן גוטעס, און, לאָזט דעם פאָלק טאָהן וואָס ער וויל! מעגליך אַז עס וועלען פאָרקומען שוויריגקייטען; מעגליך אַז דאָס פאָלק וועט פאַרלירען די רעוואָלוציאָן; מיר קענען ניט וויסען אויב אונזער פּאַרטיי וועט טריאומפירען, אָדער די געגנערישע — איין זאַך זיינען מיר זיכער, אויב דאָס פאָלק וועט זיך אָבשטעלען אויף איינע פון די זאָגענאַנטע איבערגאַנגס שטופען, וועט דאָס ניט זיין די שולד פון אונזער אידעע, זאָנדערן די שולד פון אונזערע קרעפטען צו פּראָפּאָגאַנדירען אונזער אידעע.

וואָס עס זאָל ניט פאָרקומען אין די נאָהענטע צוקונפט, מיר האָפען דאָך צו האָבען איין איינפלוס צום וויניגסטען אויף די קומענדע רעוואָלוציאָן, און וואָס טיכטיגער מיר וועלען אַרבייטען, אַלס טיפער וועט דער איינפלוס זיין. אומזאָנסט וועט אונזער מיהע יעדענפאַלס ניט פערלאָהרען געהן. וואָס מעהר מיר וועלען ציעלען צו פערווירקליכען אַלע אונזערע פאָדערונגען, אַלס וויניגער רעגירונג און פּריוואַט אייגענטהום וועט זיין אין דער נייער געזעלשאַפט. אויב מיר וועלען ניט אויספיהרען אַלעס, וועלען מיר דאָך אויספיהרען זעהר פיעל, דען וואָס וויניגער רעגירונג און פּריוואַט אייגענטהום, אַלס גרעסער דער פּראָגרעס, אַלס נעהענטער צו אונזער אידעאַל.

אויב האַלטענדיג טריי אונזערע פּרינציפּען, פאַלען מיר היינט, זייט זיכער מיר וועלען זיעגען מאָרגען. —

ע נ ד ע.